צֶעהְן יָאהְר צִיוֹנִיזְמוּס

אַרויסגעגעבען פֿונ׳ם ציוניסטישען צענטראל ביוראָ

קעלן (דייטשלאַנד), אובּיעררינג 23.

פֿערלאַג „די וועלט“, קעלן, אובּיערינג 23.

דרוק פֿון יוסף פֿישער אין קראקוי, (גראָדגאַססע 62)

1907.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

449

C. A. Schietrumpf & Co.
Jena. 39.
Kom.-Ges. a. Aktien
Grösste Spezial-Fabrik der Branche.
METER
London
Vorteilhafteste Bezugsquelle für Export.
Grosser Konsum-Artikel für alle Länder.

צעהן יאהר ציוניזמוס

אַרויסגעגעבען פון'ם ציוניסטישען צענטראל ביוראָ
קעלן (דייטשלאַנד), אוביערריגג 23.

פערלאַג „די וועלט", קעלן, אוביערינג 23.

דרוק פון יוסף פישער אין קראַקוי, (גראָדגאַססע 62)

1907.

טהעאדאר הערצל.

איינלייטונג.

אַזוי ווי אינ׳ם ערד=שיכֿט זאַמעלן זיך צונויף די כּוחות, לאַנגזאַם אָבער פּסדר, ביז זיי צעשפּרענגען די שטיינערנע פֿעלזען און לאָזען אַרויסשיסען דעם הייסען שטראָם, אַזוי האָט די לאַנגצונויפֿגעזאַמעלטע בענקעניש פֿון טויזענדער, צעהנדלינג טויזענדער יודישע הערצער נאָך ערד און פֿרייהייט, פּלוצים זיך אַרויסגעשלאָגען אין אַ מעכֿטיגען פֿלאַם.

צעהן יאָהר איז געוואָרען, זייט דאָס וואָרט, וועלכֿעס אַ מאַן האָט אַרויסגעשיקט צו די יודען פֿון אַלע לענדער, איז געוואָרען די לאָזונג פֿון אַ פּאַרטיי — צעהן יאָהר, זייט דער פּאָליטישער ציוניזמוס איז איינגעגליעדערט געוואָרען אין די מאָדערנע בעוועגונגען.

פֿון זיינע אָנהענגער פֿערטרעטען און פֿערטיידיגט מיט ענטהוזיאַזם און התפּעלות, און פֿון זיינע געגנער מקבּל געווען קודם מיט שפּאָט און קריטיק, דאַן מיט אַ קאַלטער שאַרפֿקייט בעקעמפּפֿט, איז דער ציוניסטישער געדאַנק געטרעטען אין דעם צענטער פֿון די יודישע ענינים. שעפּפֿענדיג זיין הוונה פֿון אַלע בעציהונגען אינ׳ם יודישען לעבען, אויסשטראַהלענדיג זיין גייסט אויף דאָס לעבען פֿון די יודען האָט ער אָנגעפֿאַנגען אַ נייע עפּאָכֿע אינ׳ם יודענטום, און דעם לעצטען יאָהרצעהנדלינג יודישע געשיכֿטע האָט ער געגעבען זיין בעזונדערע כֿאַראַקטעריסטיק.

עס מוז קלאָר זיין אַפילו פֿאַר די פֿון דער וויטען=שטעהענדע, אַז דער אינהאַלט פֿון צעהן יאָהר פֿון אַ בעוועגונג, וועלכֿע בעשעפֿטיגט זיך מיט דער לעזונג פֿון אַזאַ קאָמפּליצירט (פֿערוויקעלט) פּראָבלעם ווי דאָס יודישע, מוז געבען גענוג מאַטעריאַל פֿאַר יעדוועדער אַרט היסטאָרישער בעטראַכֿטונג. עס איז נישטאָ קיין איין בעדייטענדע פֿראַגע פֿון עקאָנאָמישער, סאָציאַלער אָדער קולטורעלער נאַטור וועלכֿע זאָל נישט נוגע זיין אויך צו דעם יודישען פֿאָלק, אַ דאַנק זיין ספּעציעלע לאַגע אינ׳ם לעבען פֿון די פֿעלקער און געזעלשאַפֿטען. און די לעצטע צעהן יאָהר געהערען צו די מייסט בעוועגטע און טראַגישע פֿון דער יודישער ליידענס=געשיכֿטע. הערצו קומט נאָך צו די איינענאַרטיגקייט פֿון דעם ציוניסטישען פֿאָרשלאַג פֿאַר די לעזונג פֿון דער יודענפֿראַגע, און די בעזונדערע מעטאָדען, דורך וועלכֿע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט פֿערברייטערט דעם ציוניסטישען געדאַנק. עס וואָלט קענען באמת אויספֿולען אַ דיקען באַנד, ווען אַ כֿראָניסט אָדער אַ געלעהרנטער פֿאָרשער זאָל זיך וועלען פֿערנעהמען מיט דעם יאָהרצעהנדליג ציוניזמוס.

ווען מיר ווילען דא אין דיזער קליינער שריפט ארומרעדען די געשיכטע פון די פערפלאסענע צעהן יאהר ציוניזמוס, פערשטעהט זיך ממילא, אז מיר קענען זיך דא נישט שטעלען אזא גרויסע אויפגאבע: די, וואס קענען נאך נישט די בעוועגונג, וועלען דורך דעם קורצען היסטארישען בילאנס בעקומען די ערשטע קענטניסען פונ'ם ציוניזמוס, די אבער, וועלכע נעהמען גופא אנ'אנטייל אין דער בעוועגונג און וואס זענען מיט איהר בעקאנט, בעקומען דא א קליין ערינערונגס-ביכעל.

די בעשרייבונג מוז זיך דא נאטירליך בעשרענקען נאר אויף דאס אנצייכנען די הויפטליניען פון דער ענטוויקלונג פון דעם פאליטישען ציוניזמוס, און אויך אנצו-ווייזען די וועזענטליכע פונקטען פון דער אויסערער און אינערער ענטוויקלונג פון דער ארגאניזאציאן, נישט אריינלאזענדיג זיך אין טעארעטישע ויכוחים, וועלכע זאלען געבען א בעגרינדונג פונ'ם ציוניזמוס אדער אנ'ערקלערונג פון זיין געדאנקען-אינהאלט. ווער עס וויל דערקענען דאס טעארעטישע פונ'ם ציוניסטישען פראגראם, מוז דאס זוכען אין דער ציוניסטישער ליטעראטור. אבער אויך די קורצע בעשרייבונג פון דער ביזאהעריגער ציוניסטישער געשיכטע, האפען מיר, וועט העלפען אויך די אין גאנצען פון דער ווייטען-שטעהענדע קענען געבען נוצליכע אויפקלערונגען איבער דעם אינהאלט און ציעל פון ציוניזמוס.

טהעאדאר הערצל.

עֶס אִיז גֶעוועֶן דאָס גרֶעסטֶע גלִיק פֿוּן פּאָלִיטִישֶׁען צִיוֹנִיזמוּס, וואָס עֶר האָט טהעאָדאָר הערצל'ן גֶעפֿוּנעֶן און זײַן גרוֹיס אוּנגלִיק, וואָס עֶר האָט אִיהם אַזוֹי פֿרִיהֶ פֿעֶרלוֹירעֶן. פֿוּן דִי צֶעהן יאָהר צִיוֹנִיזמוּס זעֶנעֶן אַכֿט גֶעוועֶן הוּרכֿגעֶנוּמעֶן מִיט דעֶם גײַסט און דעֶר קראַפֿט פֿוּן טהעאָדאָר הערצל, פֿוּן דִי גֶעוואַלטִיגֶע אוֹיסשטראַהלוּנגעֶן פֿוּן זײַן פּערזעֶנלִיכֿקײַט. יעֶדעֶר עֶרפֿאָלג, יעֶדעֶר פֿאָרטשרִיט פֿוּן דעֶר אָרגאַנִיזאַציאָן אִיז גֶעוועֶן בּעֶווִירקט דוּרך זײַן ראַט און דוּרך זײַן טאַט. עֶס אִיז אַלזאָ נאָר זעֶלבּסטפֿערשטעֶנדלִיך, ווען מִיר ווִילעֶן ווענִיגסטעֶנס אִין קוּרצֶע ווערטעֶר זִיך אָבּהאַלטעֶן בּײַ דעֶר פּערזאָן פֿוּן דעֶם פֿערשטאָרבּעֶנעֶם פֿיהרעֶר, אֵיידעֶר מִיר רעֶדעֶן פֿוּן דעֶר אָרגאַנִיזאַציאָן און פֿוּן אִיהר געֶשִׁיכֿטעֶ, וועלכֿעֶ עֶר האָט געֶשאַפֿעֶן.

טהעאָדאָר הערצל אִיז גֶעבּוֹירעֶן גֶעוואָרעֶן אִין בּוּדאַפּעֶסט אִין יאָהר 1860. צוּ עֶרשט האָט עֶר זִיך געֶוואָלט ווִידמעֶן דעֶר יוּרִיסטִישֶׁער פּראַקטִיק, אָבּעֶר בּאַלד נאָכֿדעֶם ווִי עֶר האָט בּעֶקוּמעֶן דעֶם טִיטעֶל דאָקטאָר, האָט עֶר פֿערבִּיטעֶן דִי יוּרִיסטִישֶׁע קאַריעֶרעֶ מִיט דעֶר לִיטעֶראַרִישֶׁער, בּײַ וועלכֿעֶר עֶר אִיז געֶבּלִיבּעֶן בִּיז צוּ זײַן יוּנגעֶן טוֹיט. עֶר האָט זִיך שׁוֹין געֶהאַט קוֹנה שם גֶעוועֶן אִין דעֶר דײַטשֶׁער לִיטעֶראַטוּר אַלס אַ פֿײַנעֶר פֿעֶלעֶטאָנִיסט און אַנעֶרקאַנטעֶר טהעאַטעֶר-דִיכֿטעֶר (פּיעֶסעֶן שרײַבּעֶר), אַלס דִי מעשׂה דרײַפֿוּס האָט אִיהם פּלוּצים געֶעֶפֿעֶנט דִי אוֹיגעֶן אוֹן דאָס האַרץ אוֹיף דעֶם טרוֹירִיגעֶן גוֹרל פֿוּן זײַנעֶ בּרִידעֶר — אִיהם, וועלכֿעֶר אִיז בִּיז דעֶמאָלט געֶשטאַנעֶן כּמעט להלוטין פֿוּן דעֶר ווײַטעֶנס פֿוּנ'ם יוּדעֶנטוּם, פֿוּן זײַנעֶ טראַדִיציעֶס אוּן פֿוּן זײַנעֶ האָפֿנוּנגעֶן. ווענדעֶנדִיג זײַן אוֹיפֿמעֶרקזאַמקײַט פֿוּן דעֶם פֿראַנצוֹיזִישֶׁען אײַנצעֶל-פֿאַל צוּ דִי אַלוועֶלטלִיכֿעֶ יוּדִישֶׁע צרות, האָט עֶר מִיט אַ בּעֶוואוּנדעֶרוּנגס ווִירדִיגעֶן חריפֿות דעֶרזעֶהן וואוּ עֶס לִיגט דִי הוֹיפּט שוואַכֿקײַט פֿוּן דעֶם יוּדִישֶׁען פֿאָלק: אַז דִי קוואַל פֿוּן אַלעֶ צרות, וועלכֿעֶ יוּדעֶן לײַדעֶן, אִיז דִי הײַם-לאָזִיגקײַט, דאָס פֿעֶהלעֶן פֿוּן אַ טעֶרִיטאָריוּם, וועלכֿעֶס זאָל לוֹיט געֶזעֶץ און משפט געֶהעֶרעֶן דעֶם יוּדִישֶׁען פֿאָלק מִיט אַלעֶ פּרִיווִילעֶגִיעֶן פֿוּן אוֹיטאָנאָמִיעֶ (זעֶלבּסטבּעֶשטִימוּנג). נִישט ווִיסעֶנדִיג לגמרי אַז פֿאַר אִיהם אִיז שׁוֹין אַ גאַנצעֶ רײַהעֶ פֿוּן מעֶנעֶר דוּרך וואָרט און דוּרך טהאַט אײַנגעֶטרעֶטעֶן דאַפִֿיר, אַז דִי יוּדעֶן זאָלעֶן צוּרִיקבּעֶקוּמעֶן זײַעֶר אַלטעֶ הײַם, האָט עֶר געֶשרִיבּעֶן דִי בּראָשוּרעֶ „דעֶר יוּדעֶנשטאַאַט“ וואוּ עֶר האָט אוֹיסגעֶדרִיקט דעֶם הוֹיפּטזאַץ, וועלכֿעֶן עֶס האָט פֿאָר אִיהם אַלעֶנפֿאַלס קײַנעֶר נִישט אַזוֹי שטאַרק און אַזוֹי זִיכֿעֶר אוֹיסגעֶדרִיקט, נעֶמלִיך דעֶם זאַץ: „לאָז מעֶן אוּנז יוּדעֶן געֶבּעֶן דִי סוּאוועֶרנִיטעֶט *) אִיבּעֶר אַ שטִיק פֿוּן דעֶם עֶרד שטח“. דִי מִיטעֶל, וועלכֿעֶ עֶר האָט געֶהאַלטעֶן פֿאַר נוֹיטִיג פֿאַר דִי דעֶרגרײַכֿוּנג פֿוּן דִיזעֶר הײַם, האָט עֶר אוֹיך אַנגעֶגעֶבּעֶן אִין דִיזעֶר בּראָשוּרעֶ. הערצל'ס שרִיפֿט אִיז געֶוואָרעֶן אַ הִיסטאָרִישֶׁע טהאַט.

---

*) דאס אונבעגרעניצטע בעשטימונגסרעכט איבער אַ לאַנד.

דער ערפֿאָלג, אָבער אויך די געגנערשאַפֿט, וועלכע זיין „יודענשטאַאַט" האָט בעגעגענט, האָבען איהם געפֿיהרט דערצו, זיך צו שטעלען אָן די שפּיץ פֿון אַ גרופּע מענער, וועלכע, פֿאָלגענדיג זיין לאָזונג, האָבען מיט איהם צוזאַמען געלעגט דעם פֿונדאַמענט אונטער די אָרגאַניזאַציאָן פֿון פּאָליטישען ציוניזמוס. וואָס ער האָט געטהון אַלס פֿיהרער פֿון דער אָרגאַניזאַציאָן ביז צו זיין טויט, דערפֿון וועט זיך נאָך ווייטער אין דיזער שריפֿט רעדען. דאָ זאָל נאָר דאָס פּערזענליכע בעטראַכט ווערען: זיין הייסע ליעבע פֿאַר די זאַך, זיין פֿער'כישופֿ'דיג וועזען, זיין גרויסער טאַלענט האָבען איהם שוין פֿון פֿאָראויס געמאַכט מסוגל צום פֿיהרער. אין גוטע ווי אין שלעכטע צייטען איז ער געוועזען די בעלעבענדסטע קראַפֿט פֿון דער בעוועגונג, די הויפּט-פּערזאָן פֿון די קאָנגרעסען, דער פֿערגעטערטער געליעבטער פֿון די מאַסען. ער איז אָבער אויך געוועזען געבענשט דערמיט, וואָס ער האָט געקענט אַזוי שטאַרק ווירקען אויף אַנדערע, — פֿאַר די אויפֿגאַבען, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט, האָט דאָס געהאַט אַ בעזונדערס גרויסען ווערט. מיט דער פֿעהיגקייט פֿונ'ם אָרגאַניזאַטאָר איז ביי איהם געוועזען פֿערבונדען אַ זעלבסטערוואָרבענער, דערפֿאַר אָבער דאָך נישט קליינער פּאָליטיש-שטאַאַטסמענישער טאַלענט, וועלכער האָט איהם מעגליך געמאַכט, פֿערהאַנדלען מיט רעגירונגען און צו געווינען זייער סימפּאַטיע פֿאַר די ציוניסטישע זאַך, הגם די איינציגע רעאַלע מאַכט, אויף וועלכער ער האָט זיך געקענט שטיצען איז געוועזען נאָר די געטריישאַפֿט און די ערגעבענקייט פֿון די יודישע מאַסען. דערפֿאַר קאָן מען איהם מיט רעכט — אָבוואָהל עס האָט צו קיין שום צייט נישט געפֿעהלט קיין שטאַאַטס-מענער פֿון יודישען בלוט — אָנרופֿען דעם ערשטען יודישען שטאַאַטסמאַן. זיין גאַנצע, נישט מיעד ווערענדע, אונבעגרענצטע אַרבייטס-קראַפֿט האָט ער געווידמעט דעם ציוניזמוס, פֿיהרענדיג איהם וואָס אַ מאָל העכער.

עס איז געוועזען אַ שרעקליכער בראָך פֿאַר'ן ציוניזמוס, ווען דיזער מאַן, „וועלכער האָט די אָרימסטע פֿון זיין פֿאָלק דערהויבען צו דער הויך פֿון זיין אידעאַל און וועלכער האָט פֿון דער אַנדערער זייט זיך אַראָבגעלאָזט צו די גאוה'דיגע בעשרענקהייט פֿון די רייכע, אום זיי צו געווינען, — ער, וועלכער האָט דורך זיין שטילע גרויסקייט געוואונען די מעכטיגע פֿון דער וועלט און וועלכען עס האָט זיך שוין באַלד איינגעגעבען דורך זיין לויטערער עהרליכקייט צו צעשטרייען דאָס ספיקות פֿון די מיסטרויאישע", — עס איז געוועזען אַ שרעקליכער בראָך, ווען דיזער מאַן איז אין די בליטהען פֿון זיינע יאָהרען אַוועקגעריסען געוואָרען פֿון דעם ציוניזמוס דעם 3-טען יולי 1904 (כ' תמוז התרס"ד).

אויב דאָס לעבען פֿון אַ מענשען איז אַמאָל געוועזען רייך און פֿרוכטבאַר — דאַן איז עס געוועזען דאָס לעבען פֿון טהעאָדאָר הערצל. קיין שום יוד זייט לאַנגע לאַנגע דורות האָט זיך נישט אַזוי איינגעגראָבען אין די יודישע היסטאָריע, אין די יודישע הערצער. אָבער מיט דער טיעפֿער טרויער נאָך איהם פֿערבינדעט זיך דער שטאַרקער רצון, צו פֿיהרען צו אַ ציעל די פֿון איהם געשאַפֿענע אָרגאַניזאַציאָן, דאָס ווערק, וועלכעס ער האָט אָנגעהויבען. פֿאַר די אויגען פֿון די ציוניסטען שטעהען די ווערטער, וועלכע טהעאָדאָר הערצל האָט געשריבען אין יאָהר 1898 אין זיין אייגענער לעבענס-בעשרייבונג:

„דאס איינע בעטראכט איך אלס געוויס און העכער איבער יעדען ספק: די בעוועגונג וועט דויערן. איך וויים נישט, ווען איך וועל שטארבען, אבער דער ציוניזמוס וועט קיינמאל נישט שטארבען. זייט די טעג פון באזעל האט דאס יודישע פאלק ווידער א פאלקספערטרעטונג: שפעטער וועט די יודישע מלוכה ענטשטעהען אין איהר אייגען לאנד.“

די ציוניסטישע אידעע און איהרע ערשטע קעמפפער.

די אידעע, וועלכע האט געפונען איהר פערקערפערונג אין דער היינטיגער פאליטיש-ציוניסטישער ארגאניזאציאן איז אליין פיעל עלטער, איידער איהר קאנקרעטע (ממשות'דיגע) פארם. דער געדאנק און די האפנונג צוריקצוקומען אין דאס לאנד פון די אבות האבען אין קיין שום צייט פון דער פינסטערער גלות-געשיכטע נישט פערלאזען דאס יודישע פאלק; די שטארקע אמונה אין משיח, דעם גואל פון גלות, האט דעם יודישען פאלק אימער געגעבען נייע קראפט און מוט. דאס פאלק איז צו יעדער צייט געווען גרייט צום מארש, עס האט נאר געווארט אויף די לאזונג. די בעדייטונגספולסטע מאמענטען אין דער יודישער געשיכטע, וועלכע האבען צום טיעפסטען ערשיטערט דאס גאנצע פאלק, זענען די אין פערשידענע עפאקען (דורות) ווידערקעהרענדע משיח-בעוועגונגען.

אבער בעת דיזע בעוועגונגען האבען געהאט אין עצם א רעליגיעז-קבלה'שען כאראקטער, וועלכער האט אנגעוויזען אויף די פערבארגענע, איינגעשלאפענע כוחות און טיעפע ווינשען פון פאלק — האבען זיך אין נייעצעהנטען יאהרהונדערט וואס אמאל מעהר געוויזען אויסערונגען פון דעם זעלבען פאלקס-רצון, וועלכע האבען געהאט מעהר שייכות מיט דער ווירקליכקייט און מיט די געגעבענע בעדינגונגען פונ'ם לעבען — אויסערונגען פון בעוואוסטזיניגען נאציאנאל געפיהל, שטרעבונגען פון יונגע און קרעפטיגע עלעמענטע פון אונזער פאלק, וואס ווערען וואס אמאל צאהלרייכער.

די מאדערנע (היינטיגע) ציוניסטישע בעוועגונג שטעהט אין אן אינוועניגען שייכות מיט דער געשיכטע פון אלע אייראפעאישע פעלקער אין נייצעהנטען יאהרהונדערט און מיט דער ענטוויקלונג, וועלכע די יודישע נאציאן האט אין דער צייט דורכגעמאכט. דער מאדערנער ציוניזמוס אלס א היסטארישע ערשיינונג געהערט אין דעם פרק פון די גרויסע נאציאנאלע בעפרייאונגס-קעמפפע, וועלכע האבען נאך דער בעפרייאונג פון דעם אינדיווידואום (יחיד) געשטרעבט צו בעפרייען דעם פאלקס-כלל, און וועמעס פועל-יוצא איז געוועזען די ערשטארקונג און קאנסאלידירונג (פעראייניגונג) פון די בעטרעפענדע פעלקער. נאר דער יודישער פרייהייטס קאמפף מוז נאך פעסטער און מוטיגער געפיהרט ווערען, ווייל דא מוז מען נאך קעמפפען אויך פאר די פרייהייט פון דעם יחיד. דערפאר איז טאקי די שפעציפישע יודען-נויט, דער צושטאנד פון רעכטלאזיגקייט, אויסנאהמס-געזעצען און צוריקשטופונג פון דעם יודישען יחיד, קודם כל דער ארויסגאנגס-פונקט פאר פיעלע קעמפפער פון דער ציוניסטישער אידעע. זייער געדאנקענגאנג איז דער פאלגענדער: אפילו דארט, וואו די יודען האבען שוין דערגרייכט די גלייכבערעכטיגונג, איז זי נאר א פארמעלע.

אָבער קיין פּאַקטישע. אַפילו ווען עס איז שוין הערבּגעפיהרט די גלייכהייט פאַר'ן רעכט, אָבער אין דער פּראַקטיק קענען די יודען קיינמאָל נישט דערגרייכען די געזעלשאַפט־ליכע גלייכשטעלונג. די יודען ווערען אומעטום בּעטראַכט אַלס מענשען פון אַ קלע־נערען ווערט, און אַלס אַ זעלכע ווערען זיי בּעהאַנדעלט, און אין זייער ענטוויקלונג צוריקגעשטופּט. אַ נאַטירליכע ענטוויקלונג פון זייערע כּחות איז דערפאַר נאָר דאַן מעגליך, ווען די אוננאָרמאַלע לעבּענסבּעדינגונגען וועלען אָבּגעשאַפט ווערען, האָן זיי וועלען נישט מעהר זיין פערשאַכטעטע גרים, אונבּעליעבטע אומגעבּעטענע געסט, נאָר ווען זיי וועלען קענען לעבּען אין זייער אייגענע היים אַזוי ווי אַנדערע פעלקער.

מ ש ה ה ע ס, דער בּעוואוסטער פילאָזאָף און פרייהייטסקעמפּפער האָט שוין אין יאָהר 1840 געוואָרענט די יודען: „מיר וועלען אימער זיין גרים צווישען די נאַציאָנען, וועלכע וועלען אונז צוליעבּ געפיהלען פון מענשליכקייט און געזעליכ־קייט שענקען רעכטע, זיי וועלען אונז אָבּער נישט אַכטען, ווי לאַנג מיר וועלען אונזערע גרויסע יודישע זכרונות אַוועקרוקען אין אַ צווייטע שורה און אין דער ערשטער וועלען מיר אַנידערשטעלען דאָס פּרינציפּ: „Ubi bene, ibi patria“ (וואו עס איז מיר גוט, דאָ איז מיין פאַטערלאַנד). און כּדי די יודען זאָלען נישט גענויטיגט זיין צו שפּיעלען די מבוזה'דיגע ראָלע פון „געסט בּיי אַ פרעמדען טיש“, דאַרפען זיי קעמפּפען פאַר זייער אייגענע פרייהייט, פּונקט ווי זיי קעמפּפען פאַר די פרייהייט פון אַנדערע. די אויספיהרליכע בּעגרינדונג פון דער ציוניסטישער אידעע, וועלכע שטיצט זיך אויף זיין גאַנצע פילאָזאָפישע וועלטאַנשויאונג, און אויך די פּראַקטישע פאָרשלאַגען, וועלכע זאָלען פיהרען צו דער ווידערגעבּורט פונ'ם יודישען פאָלק דורך די „דערגרייכונג פון אַנ'אַלגעמיינער יודישער היים“, דורך קאָלאָניזירונג אין פּאַלעסטינאַ, געפינט זיך אין זיין בּוך „רוֹם און ירושלים“, וועלכעס איז ערשינען אין יאָהר 1862.

דער אונצעשטערבּאַרער יודען־האַס אין די יודען־פערשאַכטונג, וועלכע מוזען אַזוי לאַנג דויערן, ווי לאַנג דער יוד ערשיינט צווישען די פעלקער אַלס אַ בּלאָנד־זשענדעס „נישט־גוטס“ פון אַמאָליגע צייטען, אַלס אַ פרעמדער, האָבּען אויך אַרויס־גערופען אַ פּלאַן פאַר אַ יודישע מדינה בּיי ד"ר פ י נ ס ק ע ר, וועלכער האָט אין יאָהר 1882 אַרויסגעגעבּען אַ בּראָשורע „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן“ (זעלבּסט־בּעפרייאונג). אַזוי ווי העס, און נאָך שאַרפער, ווייזט אויך פּינסקער די יודען דעם וועג פון זעלבּסטהילף. „פון זייערע אונגליקליכען, אוננאַטירליכען מצב, אין וועלכען זיי קענען נישט לעבּען און נישט שטאַרבּען, וועלען די יודען נאָר דאַן זיך רעטען, ווען זיי וועלען אַנשטאַט צו בּעטען פרעמדע הילף, זיך אַליין שאַפען די מיטעל פאַר די אויסלייזונג פון גלות.“ די יודען מוזען בּעקומען אַ שטח ערד, אויף וועלכען זיי זאָלען קענען פיהרען אַנ'אייגען „שותּפות'‏ לעבּען. אין זיין פּראָיעקט געפינען זיך איינצעלהייטען, וועלכע זענען אין גאַנצען פערווירקליכט פון דעם היינטיגען ציוניסטישען פּראָגראַם.

פון אַ פּאָזיטיווען מאָטיוו (טעם), אַ זעלבּסטשטענדיגען, אַזוי צו זאָגען אויטאָ־נאָמען נאַציאָנאַל־געפיהל, וועלכעס האָט נישט געהאַט קיין שום השפּעה פונ'ם אַנטיסעמיטיזמוס, האָט ענטוויקעלט דעם ציוניסטישען אידעאַל פּ ר ץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן. מיט זיין ליידענשאַפטליכער ליעבּע צום פאָלק און מיט דער פייערדיגער בּעגיי־סטערונג, מיט וועלכער ער האָט געקעמפּפט פאַר די נאַציאָנאַלע עהרע פון יודישען

פֿאָלק, שטעהט פּרץ סמאָלענסקין אין דער ערשטער שורה פֿון די נאַציאָנאַל יודישע קעמפּפֿער. זיינע שווערע אַנגריפֿע האָט ער געווענדט געגען די אַסימילאַציאָנס־שטרעבונגען, וועלכע האָבען געפֿונען זייער לעצטען און קאָנסעקווענטען אויסדרוק אין דעם דייטשען רעפֿאָרם־יודענטום. נישט די יודישע נויט, נאָר דער וואונש צו דערהאַלטען דאָס יודישע פֿאָלק, וועלכעס האָט אַ רעכט צו לעבען דורך זיינע לייסטונגען און שעפֿערישע קרעפֿטען, דיזער וואונש פֿיהרט איהם צום ציוניזמוס, אין ער גיעט אַרויס די לאָזונג: אויף, צו דער ווידערערגרייכונג פֿון דער יודישער היים! דער פֿון איהם געגרינדעטער זשורנאַל „השחר“ (1869 — 1889) איז דער ערשטער בעדייטענדער אָרגאַן פֿון די יודישע נאַציאָנאַליסטען. אחד העם מיט זיין אויסגעבילדעטען יודישען נאַציאָנאַלגעפֿיהל איז אין עצם דער פֿערטרעטער פֿון דער פֿון סמאָלענסקין אָנגעהויבענער שיטה, וועלכע ער האָט פֿערטיעפֿט און אויסגעבויעט צום סיסטעם פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „קולטור־ציוניזמוס“.

טראָץ די פֿערשיעדענע אַרויסגאַנגס־פּונקטען קומען דאָך אַלע צו דערזעלבער אידעע: פֿאַר די יודען זייער היים! נאָך איין מעלה, וועלכע האַראַקטעריזירט די ערשטע קעמפּפֿער פֿון דער ציוניסטישער אידעע און זייערע, שפּעטערע בעדייטענדסטע פֿערטרעטער מוז דאָ דערמאָנט ווערען: זייער השיבות און זייער עדלער אונבויגזאַמער שטאָלץ, וועלכער האָט ביי זיי אַרויסגערופֿען דאָס הייסע פֿערלאַנגען, זייער פֿאָלק צו זעהען גליקליך און געאַכטעט פֿון אַלעמען.

דער קשר, וועלכער פֿערבינדט דאָס יודישע פֿאָלק מיט ארץ ישׂראל, האָט אונאַבהענגיג פֿון דעם יודישען נאַציאָנאַל־בעוואוסטזיין, אויך געפֿיהרט צו שאַפֿען קאָלאָניזאַציאָנס־אונטערנעהמונגען אין פּאַלעסטינאַ. די ערשטע זענען געוועזען די גייסטיגע שעפּפֿער און פֿיהרער פֿון „כל ישׂראל חברים“ (כי"ח), שאַרל נעטער, אַלבערט קאָהן, גאָלדשמידט, קרעמיע און די אַנדערע וועלכע זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פֿון דער ערשטער אינסטיטוציאָן, וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען פֿאַר די פֿערברידערונג פֿונ'ם כלל ישׂראל. זיי זענען איינגעטראָטען מיט התלהבות פֿאַר די אויפֿלעבונג פֿון דעם לאַנד פֿון די אָבות. דאָס זענען געוועזען די זעלבע מענער, וועלכע האָבען מיט התמדה געקעמפּפֿט פֿאַר'ן פֿראַנצעזישען פּאַטריאָטיזמוס, וועלכען זיי האָבען געמאַכט פֿאַר אַ חוב פֿאַר יעדען יודען אין פֿראַנקרייך, אַלס אַ דאַנק פֿאַר די גלייכבערעכטיגונג. די אַליאַנס האָט אויך געגרינדעט די ערשטע לאַנדווירטשאַפֿטליכע שולע און פֿערם, מקוה ישׂראל, פֿאַר וועלכע בעזונדערס שאַרל נעטער האָט געבראַכט גרויסע קרבנות אין געזונדהייט, אַרבייט און פֿערמעגען.

בכלל איז די אונטערשטיצונג פֿון דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציאָן מצד די מערב־אייראָפּעאישע יודען נאָר זעלטען צוליעב נאַציאָנאַלע טעמים, בעת די חובבי ציוניסטישע בעוועגונג אין רוסלאַנד קאָן בעטראַכט ווערען אַלס די פֿאָרפּאָסט פֿון די פּאָליטיש ציוניסטישע. דער חובבי ציוניזמוס אונטערשיידט זיך פֿונ'ם פּאָליטישען נאָר אין דער מעטאָדע, גרונדזעצליך שטרעבען זיי ביידע צו דער זעלבער אידעע. אויך דער חובבי ציוניזמוס שטרעבט אַלס צו זיין לעצטען ציעל, צו דער שאַפֿונג פֿון אַן אונאַבהענגיג יודיש לאַנד, ער וויל אָבער נישט דורך אַן איינמאָליגע פּאָליטישע קאָנצעסיע, נאָר דורך אַ שטענדיגע קאָלאָניזאַציאָן קומען צו דיזען ציעל. פּינסקער איז געווען נישט בלויז דער גייסטיגער שעפּפֿער פֿון דיזער בעוועגונג, נאָר ער האָט זי אויך אָרגאַניזירט, און די ערשטע יאָהרען געפֿיהרט. איהם איז

געשטאַנען צו הילף דער השכלה שרייבער מ. ל. ליליענבלום, וועלכער איז שוין אַ יאָהר פאַר פינסקער, 1881 איינגעטרעטען פאַר די פאַלעסטינאַ־אידעע, ווייטער א. ל. לעווואַנדאַ, וועלכער האָט פריהער גלייך ווי פינסקער יאָהרענלאַנג בעטראַכט די אַסימילאַציאָן אַלס די לייזונג פון דער יודענפראַגע, שפּעטער איז ער אָבער געוואָרען אַן ענטשידענער קעמפּפער פאַר די נאַציאָנאַלע אידעע. די שטאַרקע עמיגראַציאָן פון רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין יאָהר 1882 האָט אויך געשאַפען די ערשטע פּיאָנערען נאָך פּאַלעסטינאַ. אַ גרופּע בעגייסטערטע יונגע לייט, מייסטענס סטודענטען איז געגאַנגען אונטער די שווערסטע בעדינגונגען קיין פּאַלעסטינאַ, און האָבען דאָרט געגרינדעט די קאָלאָניע ראשון לציון. לייד ער איז זייער גוטער ווילען און די בעגייסטערונג נישט געווען בעגלייט פון די נויטווענדיגע ערפאַהרונג און גענוגענדע מיטלען, און דאָס קאָלאָניזאַציאָנסווערק האָט דערפאַר געמוזט בייקומען גרויסע מניעות און קריזען און האָט נאָר לאַנגזאַם פּראָגרעסירט. דערווייל אָבער האָבען זיך די חובבי ציון פעראיינען פערמעהרט פון יאָהר צו יאָהר, באַלד אויך אויסערהאַלב פון רוסלאַנד. אַ פעראייניגונג און אַ געמיינשאַפטליכע טהעטיגקייט פון די איינצעלנע פעראיינען איז צוערשט געפּלאַנט געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ אין יאָהר 1884. אַ געאָרדענטערע און אינטענסיווערע טעטיגקייט פון די קאָלאָניזאַציאָנס פעראיינען אין רוסלאַנד האָט זיך דאַן אָנגעהויבען אין יאָהר 1890, ווען די רעגירונג האָט ערלויבט אין אָדעס גרינדען די „געזעלשאַפט צו אונטערשטיצונג פון יודישע ערדאַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ און סיריען“. דער צווייטער וויכטיגסטער פעראיין פאַר די פּאַלעסטינישע קאָלאָניזאַציאָן איז „עזרא“ אין בערלין, נעבען וועלכען עס האָבען נאָך עקזיסטירט פעראיינען אין עסטרייך רומעניען און ענגלאַנד.

אָבער מעהר נאָך ווי פון די קאָלאָניזאַציאָנס פעראיינען, איז די קאָלאָניזאַציאָן פון פּאַלעסטינאַ אונטערשטיצט געוואָרען פון דעם באַראָן עדמונד ראָטשילד אין פּאַריז. די מייסטע פון זיינע קאָלאָניען זענען שפּעטער איבערגעגאַנגען אין די פאָרמעלע פערוואַלטונג פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט (יק״א), וועלכע האָט אין יאָהר 1896 אויך אָנגעהויבען אַרבייטען אין פּאַלעסטינאַ. אָבער טראָץ די געוואַלטיגע סומען, וועלכע די מיט דער צייט אויף די צאָהל פון 15 געוואַקסענע קאָלאָניען האָבען איינגעשלונגען, האָט זיך דאָך די קאָלאָניזאַציאָן נישט אַזוי איינגעגעבען ווי מען האָט דאָס ערוואַרטעט. (ערשט אין דער לעצטער צייט לאָזט זיך פערצייכנען אַ ערפרייליכע ענדערונג צום בעסערען.) אָבער דער דעמאָלטיגער טרויריגער מצב פון די קאָלאָניען האָט אומעטום אַרויסגערופען אַ יאוש. די קאָלאָניזאַציאָנס בעוועגונג איז געבליבען שטעקען.

נעבען דער פּאַלעסטינאַ קאָלאָניזאַציאָן — דאָס מוז נאָך דאָ פערצייכענט ווערען — האָט אויך עקזיסטירט אַ האָפנונגספולע נאַציאָנאַל יודישע בעוועגונג, מיט דער יוגענד בראש. הגם דיזע בעוועגונג איז געווען צו שוואַך, אום צו האָבען אַ בעדייטונג פאַר גרעסערע פּראַקטישערע אַרבייטען, אָבער פאַר די נאַציאָנאַלע ערציהונג פון פאָלק, פאַר די פערטיעפונג פון דער ציוניסטישער אידעע האָט זי געבראַכט אַ גרויסען נוצען. די גרעסטע פערברייטונג האָט דיזע בעוועגונג געהאַט אין רוסלאַנד אָבער אויך אין עסטרייך, וואו עס האָט געווירקט איינער פון די ערנסטסטע דענקער אין דער ערשטער ציוניסטישער פעריאָדע, נתן בירנבוים (מתתיהו

אַהער), בעזונדערס אין גאַליציען, און צולעצט אויך אין דײַטשלאַנד, וואו בעזונדערס ד״ר רילפּ׳ס טעטיגקייט האָט געהאַט אַ גרויסען ווערט. די כּחות האָבען זיך בּיסלעכוועיז געזאַמעלט און זענען וואָס אַמאָל מעהר אַרײַנגעדרונגען אין די מאַסען פון פאָלק. פיעל פּאָטענציעלע (אײַנגעהאַלטענע) ענערגיע איז צונויפגעזאַמעלט געוואָרען. אָבער דיזע ענערגיע האָט געוואַרט אויף די שטאַרקע האַנד, וועלכע זאָל זי פרוכטבּאַר פערווענדען. דאָ אַנ׳ענטשטעהענדער נאַציאָנאַלער רצון, וועלכער האָט פערלאַנגט אַ פרײַע ענטוויקלונג און אַ ציעל, דאָרט נאָך דער ערשטער אַרבּייט אויף דער אייגענער ערד אַ מידקייט, וועלכע האָט געדראָהט זיך צו פערליערען אין יאוש, דורך וועלכען עס זענען פערשטאַרקט געוואָרען די בעסטע און אָבגעגעבענסטע כּחות — אָט אַזוי איז געווען די לאַגע פאַר אַן ערך פון צעהן יאָהר.

פונ׳ם יודענשטאַאט ביז צום ערשטען קאָנגרעס.

פלוצים און אומפערהאָפט, פון אַ כּביכה, וועלכע די מייסטע חובבי ציון האָבען שוין פון לאַנג בעטראַכט אַלס פערלוירען פאַר׳ן יודענטום, איז אַרויסגעטרעטען טעאָדאָר הערצל, וועלכער איז געווען פאַר די נאַציאָנאַלע אידעע דער אמת׳ער „איש בעתו״, דער פּאַסענדער מאַן אין דער פּאַסענדער צייט. זיין קומען איז געווען אַזוי אומגעריכט, דאָס אַ טייל פון די ציוניסטען פון אַלטען נוסח האָבען מיט ספיקות און מיספערטרויען זיך אַקעגען געשטעלט דעם מאַן, וועלכער האָט פון פּאַריז אויס געגעבען די לאָזונג צום „יודענשטאַאט״. וואָרום מיט דעם פּרינציפּ וועלכען ער האָט פאָרמולירט אין זיין שריפט, אַז מען מוז די יודענפראַגע מאַכען פאַר אַ וועלט־פּאָליטישע פראַגע, און אַז אַ לאַנד קאָן מען בעקומען נאָר עפענטליך אויפ׳ן פּאָליטישען וועג מיט דער הסכּמה פון די רעגירונגען, איז טהעאָדאָר הערצל, נישט ווּיסענדיג, אויפגעטרעטען געגען די שטרעבונגען פון אַ טהייל חובבי ציון, וועלכע זענען נתפּעל געוואָרען פון זייער קליינע אַרבּייט און האָבען נישט געוואָלט הערען פון עפּיס אַנדערש. אָבער דער גרעסטער טייל פון די ציוניסטען אין יענער צייט, און אויך די ניי צוגעשטאַנענע האָבען מיט שמחה בעגריסט הערצל׳ס „יודענשטאַאט״, הגם זיי האָבען נישט מסכּים געווען מיט דעם גאַנצען תּוכן פון דיזער בראָשורע. (שפּעטער האָט זיך הערצל אַליין ענטזאַגט פון פיעלע אײַנצעלהייטען פון זיין שריפט און האָט זיך ערקלערט אײַנפערשטאַנדען מיט די בעשליסען פון די קאָנגרעסען און מיט דער נאַטירליכער ענטוויקלונג).

הערצל׳ס „יודענשטאַאט״ שטיצט זיך אויף דעם פאָלגענדען שטאַנדפּונקט: די יודען זענען אַ פאָלק. די עמאַנציפּאַציאָן פונ׳ם 19־טען יאַהרהונדערט האָט נישט געבראַכט דערצו, די יודען זאָלען זיך אַסימילירען מיט די אַרומיגע פעלקער. וואָרום די אַסימילאַציאָן איז דער הויפּט־אונגליק. זי וואָלט מעגליך געווען, ווען יודען זאָלען זיך משדך זיין מיט נישט־יודען, דורך וועלכען עס וואָלט לאַנגזאַם געקומען צו אַ פערמישונג צווישען יודען און קריסטען. אָבער צו אַזאַ פערמישונג וועט עס נישט קומען, ווייל קיינער פון די ביידע צדדים פערלאַנגט זי נישט, און אויך, ווייל דער רוב יודען זענען עקאָנאָמיש שוואַך און געזעלשאַפטליך ערנידערט, אַזוי, אַז די נישט־יודען גליסט זיך גאָר נישט, זיך אויסצומישען מיט די יודען. דערפאַר וועט

דאָס יודישע פֿאָלק זיך קיינמאָל נישט אַסימילירען, און דער אַנטיסעמיטיזמוס, וועלכער שטעקט טיעף אין'ם פֿאָלק, און די יודישע נויט, וועלכע איז אַ פּועל־יוצא פֿון איהם וועלען נישט אויפֿהערען. און וויל די יודען קענען שוין לענגער נישט דערטראָגען דעם היינטיגען צושטאַנד, וועלכער איז אַן'אומגליק אויך פֿאַר די ניט־יודען, מוז מען זוכען אַן אַנדערען נאַטירליכען וועג: די יודען אַלס אַ פֿאָלק, וואָס קאָן נישט און וויל נישט אונטערגעהן, מוזען בעקומען סואווערעניטעטס־רעכט איבער אַ טעריטאָריום (וועלכעס מען דאַרף גרינדען אין פּאַלעסטינאַ אָדער אַרגענטיניע). די יודען, וואָס ליידען וואו ניט איז אין דער וועלט, וואָלטען אין אַן'אייגען לאַנד בעקומען די מעגליכקייט זיך צו שאַפֿען אַ רוהיגע עקזיסטענץ, — אין אייראָפּאַ וואָלט דער אַנטיסעמיטיזמוס איינגעשטילט געוואָרען דורך די יודישע מאַסען־אויסוואַנדערונג, און אויך פֿאַר די איבערגעבליבענע יודען, וואָלט זיך די לאַגע פֿערבעסערט, דאַדורך, וואָס עס וואָלט געווען ווער עס זאָל זיך פֿאַר זיי אָננעהמען און אַ יודישע מדינה וואָלט פֿאַר זיי געהאַט דעם זעלבען ווערט ווי למשל דייטשלאַנד פֿאַר די דייטשען אין אַמעריקאַ. בעת אין דעם יודישען לאַנד אַליין וואָלטען זיך די בעפֿרייטע יודישע כּחות געקענט ענטוויקלען צו דער העכסטער גייסטיגער און מאָראַלישער מדינה וואָלט פֿאַר זיי געהאַט דעם זעלבען ווערט ווי למשל דייטשלאַנד פֿאַר די אין דער מאַסען־עמיגראַציאָן פֿון די אייראָפּעאישע לענדער און אַ מאַסען איינוואַנדערונג אין דאָס יודישע לאַנד, האָט הערצל געוואָלט בענוצען די אינטערווענציאָן (אַריינמישונג) פֿון די אייראָפּעאישע מעכטע, וועמעס אינטערעס עס איז, אַמאָל פּטור צו ווערען פֿון דער יודען־פֿראַגע. צוויי עקזעקוטיוו־אָרגאַנען דאַרפֿען זיין די פֿערטרעטער פֿון דער בעוועגונג — אַ מאָראַלישע פֿערטרעטונג פֿון די יודען, וועלכע פֿערטרעט פֿאַר דער עפֿענטליכקייט דעם פּראָיעקט, און אַ פֿינאַנץ געזעלשאַפֿט, וועלכע קויפֿט דאָס טעריטאָריום פֿאַר דעם יודישען שטאַאַט און רעגעלט פֿינאַנציעל די אויסוואַנדערונג און די איינוואַנדערונג פֿון די מאַסען. אום די גרינדונג פֿון דער מדינה זאָל שוין פֿון אָנהויב האָבען אַ זיכערן ערפֿאָלג און זאָל קענען דויערן, איז נויטיג, אַז די אויטאָנאָמיע פֿון דער יודישער מדינה זאָל זיין געזיכערט דורך אינטערנאַציאָנאַלע פֿערטראַגען.

דריי הויפּטפּונקטען, וועלכע זענען מיט ענטשיעדענהייט, יאַ, זאָגאַר מיט ראַדיקאַליזמוס אויפֿגעשטעלט געוואָרען אין הערצל'ס שריפֿט: דאָס פּרינציפּ פֿונ'ם יודישען נאַציאָנאַליזמוס, די פֿאָדערונג פֿון פּאָליטישע זעלבסטבעשטימונג פֿון דעם צוקונפֿטיגען לאַנד און דאָס פֿאָרמולירען דעם עפֿענטליך־פּאָליטישען כאַראַקטער פֿון דער יודענשטאַאַטס־בעוועגונג האָבען הערצל'ס שריפֿט תיכּף נאָך איהר ערשיינען פֿערשאַפֿט אַ גרויסע צאָהל פֿון אַנהענגער, וועלכע האָבען געוואָלט צושטעהן צו דעם מאַן, וואָס האָט מבשר געוועזען די בעפֿרייענדע לאָזונג. וואָס אַ מאָל העכער זענען געוואָרען די כוואַליעס, וועלכע די בראָשורע האָט אויפֿגערודערט. עס בעגינט אַ פֿאָלקסבעוועגונג. אַזוי קאָן מען די צייט פֿון דעם היינטיגען פּאָליטישען ציוניזמוס אָנהויבען פֿון דעם דאַטום פֿונ'ם ערשיינען פֿון „יודענשטאַאַט“ (1896). צום אַנפֿאַנג האָט טהעאָדאָר הערצל גאָר נישט געהאַט די כּונה אַרויסצוטרעטען פֿון זיין פּאָזיציע און אַליין אַקטיוו טיילצונעהמען אין דער בעוועגונג. ער האָט זיך בעצייכענט אַלס „איינער פֿון דער פֿעדער, וועלכער שיקט אַרויס אַ געדאַנק אין לעבען, כּדי אַנדערע זאָלען איהם פֿערווירקליכען“. צום אַנפֿאַנג האָט ער גאָר נישט געקלערט

וועגען אַ פּאַרטיי=גרינדונג, וועגען אַ מאַסע אַלס אַנ'עקזעקוטיווער אָרגאַן. נאָך פֿאַר דער פּובליקירונג פֿונ'ס „יודענשטאַאַט“ האָט ער פֿאָרגעלעגט דאָס וועזענטליכֿע פֿון זיין פּלאַן פֿאַר דעם גרויסען פֿילאַנטראָפּ באַראָן הירש, דעם שעפּפֿער פֿון די אַרגענ= טינער קאָלאָניען. איהם האָט ער געוואָלט שטעלען בראש פֿון דעם אונטערנעהמען. אָבער די פֿערהאַנדלונגען מיט באַראָן הירש האָבען נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג. ביידע מענער, וועלכֿע האָבען געהאַט אַ אינערליכֿע קרוב'שאַפֿט, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען ביי זייער ערשטע בעגעגנונג, האָבען זיך נישט פֿערשטאַנען. און ווען הערצל האָט מיט זיין „יודענשטאַאַט“ געוואָלט ווייטער פֿיהרען די פֿערהאַנד= לונגען, האָט ער בעקומען די ידיעה, אַז דער באַראָן הירש איז געשטאָרבען, „דער איינציגער רייכֿער יוד“, ווי הערצל שרייבט וועגען איהם אין זיין טאַגעבוך, „וועלכֿער האָט געוואָלט עטוואָס גרויסעס טהון פֿאַר אונזערע אָרימע יודען“. אין אַ בריעף צום באַראָן הירש האָט הערצל געשריבען: „....איהר וואָלט געווען געקענט זיין די קראַפֿט, מיט וועלכֿער איך וואָלט געווען אָנגעהויבען. אָבער עס זענען דאָ אַנדערע. עס איז דאָ קודם=כל די יודישע מאַסע, צו וועלכֿער איך וועל קענען טרעפֿען דעם וועג. דיזע פֿעדער איז אַ מאַכֿט. איהר וועט אייך דערפֿון איבערצייגען...“ הערצל האָט דאַן ווייטער געזוכֿט אַנדערע, וואָס זאָלען איבערנעהמען די פֿיהרונג. אָבער פֿון אַלע זייטען האָט מען שוין זיך געווענדט צו איהם אַלס צו דעם פֿיהרער מיט פֿערשיעדענע פֿראַגען, פֿאָרשלאַגען און אַנטראַגען וועגען צוזאַמען=אַרבייטען מיט איהם, אָדער אונטער איהם. דיזער מגע=ומשא איז זיך ביסלעכֿווייז אויסגעוואַקסען צו אַ גאַנץ בעדייטענדע פּאַרטיי. אין דערזעלבער צייט, אין יולי 1896, האָט הערצל געפּראַוועט אין לאָנדאָן, נאָכֿדעם ווי ער איז שוין געהאַט געווען אין קאָנסטאַנטינאָ= פּאָל, גרינדען יענע געזעלשאַפֿט, וועלכֿע האָט בעדאַרפֿט מיט איהר מאָראַלישער אויטאָריטעט פֿערטרעטען דעם פּראָיעקט וועגען „יודענשטאַאַט“ פֿאַר די יודען און פֿאַר די וועלט. דאָס האָט געזאָלט זיין די Society of Jews (די „פֿעראייני= גונג פֿון יודען“), וועלכֿע האָט בעדאַרפֿט פֿערנעהמען די שטעלע פֿון איהם, דעם „איינצעלנעם שריפֿטשטעלער“. נאָר דערפֿון איז גאָר נישט געוואָרען. אָבער זייענדיג גענויטיגט דורך די פֿריינד און אויך די פֿיינד, האָט הערצל דאַן איבערגענומען די פֿיהרערשאַפֿט פֿון דער פּאָליטישער ציוניסטישער בעוועגונג פֿאַר די דערגרייכֿונג פֿון פּאַלעסטינאַ. וואָרום אין צווישען איז ער געקומען צו דער קלאָרער איבערצייגונג, אַז נאָר פּאַלעסטינאַ איז דאָס פּאַסענדע טעריטאָריום פֿאַר דער יודישער מדינה. און נאָכֿדעם ווי ער האָט זיך שוין ענטשלאָסען צו אַרבייטען מיט דער לעצטער גרויסמאַכֿט, מיט דער מאַסע, אַלס אַ פֿאָלקס פֿיהרער, האָט ער פֿאַר דיזער אַרבייט געגעבען זיין גאַנצע יונגע בעגייסטערונג און זיין גאַנצע ווידערשטאַנדס=קראַפֿט. וואָרום עס איז דאַן נויטיג געוואָרען אַ שטאַרקע ווידערשטאַנדסקראַפֿט: בעת הערצל האָט פֿון ווייען אויס, וואו ער האָט געפֿונען אַ מהנה מיטאַרבייטער צווישען די אַלטע ציוניסטען און אין די סטודענטען=פֿעראיינען, זיך געסטאַרעט צו קומען אין אַ פֿער= בינדונג מיט די גלייכֿדענקענדע; בעת דער אויפֿגעשטאַנענער גלויבען אין די גרויסע נאַציאָנאַלע בעפֿרייאונג האָט אין אַלע לענדער וואו יודען וואָהנען אויפֿגעוועקט טויזענדער פֿון בעגייסטערטע פּרעדיגער פֿונ'ם ציוניזמוס; בעת עס איז צוגעקומען צו דער פֿיהרענדער פּערזענליכֿקייט הערצל'ס די מורא'דיגע קראַפֿט פֿון מאַקס נאָרדאוי, זענען פּלוצים אויפֿגעשטאַנען פֿיינדליכֿע געגנער אין די רייהען פֿון די, וועלכֿע

האָבען אין דעם בלויסען דערמאָנען װעגען יודישען נאַציאָנאַליזמוס געזעהען אַ סכנה פֿאַר זייער פּוילען „בני־דת־משה׳טום“ און פֿאַר זייער „פּאַטריאָטישען“ בטחון. דאָס איז געװען די צייט, אין װעלכער — דאָס װילט זיך היינט גאָר נישט גלייבען — די מערב־אייראָפּעאישע יודען האָבען געהאַט פּחד פֿאַר דעם װאָרט „יוד“ װי פֿאַר עפּיס אַ בזיון, פּשיטא גאָר פֿאַר די קאָנסעקװענצען, װעלכע די ציוניסטען האָבען געדרונגען פֿון זייער מוטיגען ערקלערען־זיך צו דער יודישער נאַציאָן. די מערב־יודען װענען דעמאָלט געװען אָבגעטיילט דורך אַ שטאַרקע מחיצה פֿון די רוסישע, גאַליצישע און רומענישע יודען, װעלכע זיי האָבען בעטראַכט אַלס נידעריגע ברואים. די מערב־יודען האָבען פּשוט געלייקענט דעם אַחדות פֿון די יודישע אינטערעסען אויף דער גאַנצער װעלט, פֿערקריכענדיג זיך הינטער דעם פּאַטריאָטיזמוס פֿון אַ װאָסער ניט איז נאַציאָן, און פֿערמאַכענדיג די אויגען פֿאַר די נויט פֿון די מזרח־יודען. דער ציוניזמוס װעלכער האָט מיט איין פּאָכט צעריסען דאָס גאַנצע שקר־געװעבעכץ פֿון דער אַסימילאַציאָן, איז פֿון דיזע לייט באַלד דערקענט געװאָרען אַלס זייער געפֿעהרליכסטער געגנער און זיי האָבען אָנגעהויבען איהם בעקעמפֿען. בעזונדערס אַ ריי‏הע פֿון ליבעראַלע ראַבינער זענען אַרויסגעטרעטען גאָר שאַרף געגען די װאָס אַ מאָל מעהר פּראָגרעסירענדע בעװעגונג, בפרט װען עס איז בעקאַנט געװאָרען, אַז הערצל און זיינע חברים הופֿען איין אַ ציוניסטען־קאָנגרעס. װאָס שטאַרקער עס זענען געװאָרען די אַנגריפֿע פֿון די געגנער, דאָס מעהר ענערגישער האָבען די ציוניסטען געאַרבייט. אום צוזאַמענצונעהמען די אַנהענגער, צו שאַפֿען אַ פּובליציסטישע פֿערטרעטונג פֿון די ציוניסטישע אינטערעסען, בעזונדערס פֿאַר דעם ציוניסטען־קאָנגרעס, װעלכער האָט בעדאַרפֿט איינבערופֿען װערען, און אויך צום קאַמפּף געגען די געגנער האָט טהעאָדאָר הערצל אין מאָנאַט יוני 1897 געגרינדעט אַ װאָכענבלאַט „די װעלט“, װעלכעס איז פֿון דיזער צייט אָן געבליבען דער ציוניסטישער צענטראַל־אָרגאַן. „די װעלט“ האָט גערעדט אַן אָפֿענע שפּראַכע, װעלכע איז ביז דאַן נאָך נישט געהערט געװאָרען. „דאָס בלאַט איז אַ יודען־בלאַט *). מיר נעהמען דאָס װאָרט, װעלכעס װערט בעטראַכט אַלס אַ בזיון און װילען דערפֿון מאַכען אַן עהרען־װאָרט“, דאָס זענען געװען די ערשטע װערטער פֿון דער ערשטער נומער. אין אַ רוהיגען טאָן, פֿריימוטהיג־שטרענג געגען די פֿעהלערן פֿונ׳ם יודענטום, אַקעגענשטעלענדיג קעגען דעם יודענהאַס דאָס יודישע זעלבסטבעװאוסטזיין, שאַרף אין דעם קאַמפּף געגען די געגנער פֿונ׳ם ציוניזמוס — האָט „די װעלט“ בעפֿעסטיגט און געקרעפֿטיגט די פּאָזיציאָן פֿון די ציוניסטען, װעלכע װענען דאַן נאָך נישט געװען פֿעראייניגט אין אַ אָרגאַניזאַציאָן. די ערשטע נומער פֿון דער „װעלט“ האָט שוין מודיע געװען װעגען קאָנגרעס. ער האָט געזאָלט זיין סוף אויגוסט 1897 אין מינכען. אָבער די ראשי־הקהל פֿון מינכען האָבען „פֿאָרמעל“ פּראָטעסטירט געגען דאָס אָבהאַלטען פֿון קאָנגרעס אין זייער שטאָדט. הערצל האָט זיך נישט געלאָזט ענטמוטיגען. „אין דעם מינכענער קאָנגרעס איז נישט מינכען דער עיקר, נאָר דער קאָנגרעס“, האָט ער געענטפֿערט די מינכענער ראשים. היינט, נאָך ניין און אַ האַלב יאָהר, װעלען אפשר אויך די מינכענער ראשי הקהל שוין מודה זיין,

---

*) א „יודענבלאַט“ װערט אין די דייטשע מדינות אנגערופֿען אַ בלאַט, װעלכעס רעדאַקטאָרען אָדער אַרויסגעבער זענען יודען, װעלכעס האָט אין זיך אבער גאָר נישט יודישעס אַחוץ אַ ביסעל מה־יפית׳טום און אַ ביסעל יודישע חוצפה. (אנמערקונג פֿון איבערזעצער).

האָב הערצל האָט דעמאָלט געזאָגט: איך גלויב, עס וועט אַמאָל זיין אַ כּבוד פֿאַר דער שטאָדט, אין וועלכער אונזער קאָנגרעס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען...

אָנשטאָט מינכען איז באַזעל אויסגעקליבען געוואָרען אַלס קאָנגרעס=שטאָדט, וועלכעס האָט די ציוניסטען דעמאָלט און אויך שפּעטער גאַסטפֿריינדליך אויפֿגענומען. די ציוניסטען פֿון אַלע לענדער האָבען געוועהלט דעלעגירטע (אַ טייל פֿון די „חובבי ציון" האָבען זיך נאָך ענטזאַגט טיילצונעהמען אין קאָנגרעס), און דעם 29. אויגוסט 1897 איז אין געגענוואַרט פֿון 204 דעלעגירטע ערעפֿענט געוואָרען דער ערשטער ציוניסטען קאָנגרעס.

דער ערשטער קאָנגרעס.

דער ערשטער קאָנגרעס בילדעט אַ גרעניץ=שטיין נישט בלויז אין דער ציוניסטישער, נאָר אין דער יודישער געשיכטע איבערהויפּט.

שוין דאַדורך אַליין וואָס ער איז פֿאָרגעקומען, האָט ער געגעבען אַ בעווייז, אַז עס איז דאָ אַ יודיש פֿאָלק. יודען פֿון אַלע לענדער, וועלכע האָבען גערעדט די פֿערשידענע לשונות, יודען פֿון אַלע קולטור=קרייזען און פֿון אַלע שטאַנדען און פֿאָלקס=קלאַסען, רעליגיעזע און פֿריידענקער, אָרים און רייך זענען זיך צוזאַמענגעקומען אום צו מאַניפֿעסטירען דעם געמיינזאַמען רצון, צו שאַפֿען אַ צוקונפֿט פֿאַר'ן יודישען פֿאָלק אין דעם יודישען לאַנד. דיזער קאָנגרעס איז געווען די ערשטע יודישע נאַציאָנאַל=פֿערזאַמלונג אינ'ם גלות.

. פֿון דיזען קאָנגרעס הויבט זיך אָן אַ נייער פּרק אין דער יודישער געשיכטע, ווייל אויף איהם (און אויך אויף די פֿאָלגענדע קאָנגרעסען) איז אויפֿגעשטעלט געוואָרען דאָס פּרינציפּ, אַז מען מוז פֿון דער יודען פֿראַגע מאַכען אַ פּאָליטישע וועלט=פֿראַגע. דערמיט האָט מען זיך ראַדיקאַל ענטזאַגט פֿון די אַנשויאונגען, וועלכע האָבען דעמאָלט געהערשט אין די קרייזען פֿונ'ם אָפּיציעלען יודענטום. נישט פֿרעגענדיג, וואָס וועלען זאָגען דערצו די יודענפֿיינד, האָט דער קאָנגרעס פּראָקלאַמירט די סאָלידאַריטעט פֿון די יודישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, און האָט געשאַפֿען פֿאַר דיזע אינטערעסען אַ טריבונע, די ערשטע טריבונע, וועלכע דאָס יודישע פֿאָלק האָט געפֿונען, און אויך די איינציגע ביז אויפֿ'ן היינטיגען טאָג.

בּיסלעכווייז זענען די קאָנגרעסען געוואָרען דאָס פּאַרלאַמענט פֿון דער הײמאַטלאָזער נאַציאָן, אין וועלכען עס זענען קאָנצענטרירט אַלע איהרע ליידען וואונשען און האָפֿנונגען. היינט קוקט די וועלט מיט אַ גרויסען אינטערעס אויף דיזען פּאַרלאַמענט, און אַפילו די געגנער שאַצען היינט זיין בעדייטונג פֿאַר די בעהאַנדלונג פֿון דער יודענפֿראַגע.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט געהאַט אַנ'אומפֿאַנג=רייך און שווער פּראָגראַם צו בעהאַנדלען. אַלץ האָט ערשט בעדאַרפֿט איבערגעהען פֿון די טעאָריע אין די פּראַקטיקע, אַלץ האָט בעדאַרפֿט בעקומען אַ פֿאָרם און אַ געשטאַלט. רעפֿעראַטען וואָס האָבען געהאַט אַ גרונד=לעגענדע בעדייטונג האָבען קודם כּל אויפֿגעפּלאָנטערט און פֿאַנאַנדערגעטיילט די מורא'דיגע מאַטעריע. הערצל האָט נאָך אַמאָל געצייכענט די גרונד=ליניען פֿונ'ם פּאָליטישען ציוניזמוס. מיט אַ פֿיין וואָרט האָט ער ערקלערט דעם נאַציאָנאַליזירונגס=פּראָצעס, וועלכער געהט אַרויס פֿונ'ם ציוניזמוס: „דער ציוניז=

מוס איז דאָס צוריקקומען צום יודענטום, נאָך איידער מען קומט אין יודישען לאַנד". און ערעפֿענדיג דעם קאָנגרעס האָט ער איהם (דעם קאָנגרעס) איבערגעגעבען די פֿאָלקס־זאַך, וועלכע ער האָט ביז אַהער געפֿיהרט אַלס אַן'איינצעלנער, אָהן אַ מאַנדאַט פֿונ'ם פֿאָלק.

אַ בעדייטענד ערעיגניס איז געווען די רעדע פֿון מאַקס נאָרדאוי, וועלכער האָט דעמאָלט צום ערשטען מאָל און שפּעטער כמעט אויף אַלע קאָנגרעסען ווי אַן'אמת'ער מומחה אַנאַליזירט די אַלגעמיינע לאַגע פֿון די יודען. (אויף די שפּעטערע קאָנגרעסען האָט ער אַרומגערעדט די ערעיגניסע, וואָס האָבען זיך פּאַסירט פֿון איין קאָנגרעס צום צווייטען). מייסטערהאַפֿט איז געווען די אַרט, אין וועלכער נאָרדאוי, האָט געשילדערט ווי אַזוי די וועלטלישע נויט שוואַכט אָב די יודישע אינדיווידואומס אין די לענדער וואו די יודען זענען שוין עמאַנציפּירט. „דאָס איז די מאָראַלישע יודען־נויט וועלכע איז נאָך ביטערער, איידער די קערפּערליכע, ווייל זי טרעפֿט העכער דיפֿערענצירטע, שטאָלצערע און פֿיינער פֿיהלענדע מענשען. דער עמאַנציפּירטער יוד האָט נישט קיין מאָראַלישען יסוד, ער איז אונזיכער אין זיינע בעציהונגען צו די נעבען־מענשען, פּחדנ'יש געגען אונבעקאַנטע און האָט נישט קיין צוטרוי אַפילו צו זיינע פֿריינד. ער פֿערווענדט זיינע בעסטע כּחות אום צו אונטערדריקען און פֿערטיליגען, אָדער ווענינגסטענס צו בעהאַלטען זיך גופא, זיין אייגען וועזען, ווארום ער האָט מורא, מען זאָל זיין וועזען נישט דערקענען אַלס אַ יודישעס, און ער האָט קיינמאָל נישט קיין השק, זיך איינגאַנצען פֿאָרצושטעלען, אַזוי ווי ער איז, זיין גאַנצען איך, אין יעדען געדאַנק און געפֿיהל, אין יעדען טאָן פֿון זיין שטימע, אין יעדען אויגען־דרעה, אין יעדען פֿינגער שפּיעל. אינערליך ווערט ער אַ קאַליקע, אויסערליך איז ער אונעכט און דאַדורך ווערט ער אימער לעכערליך און פֿאַר דעם העכער געשטימטען, עסטעטישען מענשען ווערט ער עקעלהאַפֿט ווי אַלעס וואָס האָט אין זיך קיין אמת נישט...

אויף דער גלייכער, מען קען זאָגען קלאַסישער הויך איז געשטאַנען נאָרדאוי'ס אַנאַליז פֿון דער מורא'דיגער יודישער נויט אין די מזרח־לענדער. „מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון רעכטלאָזע בעטלערס": אין דיזען זאַץ האָט נאָרדאוי צוזאַמענגענומען די טראַגיקע פֿון דעם מצב פֿון גאַנצען יודענטום, פֿאַר וועלכען דער קאָנגרעס האָט בעדאַרפֿט זוכען און שאַפֿען אַ הילף.

נאָך דעם הויפּטרעפֿעראַט פֿון נאָרדאוי זענען געקומען ספּעציעלע רעפֿעראַטען איבער די לאַגע פֿון די יודען אין די איינצעלנע לענדער, איבער רוסלאַנד, מערב־עסטרייך, גאַליציען, בוקאָווינאַ, רומעניען, אַלזשעריען, דייטשלאַנד, אונגאַרן, ענגלאַנד און אַמעריקאַ. פֿאַר די אויגען פֿון דער עפֿענטליכקייט איז פֿאַנאַנדערגעוויקעלט געוואָרען אַ מורא'דיג בילד פֿון ליידען, פֿון רעכטלאָזיגקייט און נויט, און עפֿענטליך איז ערקלערט געוואָרען די אונמעגליכקייט פֿון אַזאַ ווייטערן יאָמערפֿולען צושטאַנד. צוויי גרויסע רעפֿעראַטען פֿון ד"ר פֿאַרבשטיין און פֿון ד"ר בירנבוים, דער ערשטער פֿון סאָציאַל־פּאָליטישען און דער צווייטער פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלען שטאַנדפּונקט האָבען געגעבען אַ טעאָרעטישען אויפֿבוי און די בעגרינדונג פֿונ'ם ציוניזמוס. אַ בעזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט האָט נתן בירנבוים אין זיין רעפֿעראַט געווידמעט פּאַלעסטינאַ, און ער האָט בעוויזען, אַז נאָר אין פּאַלעסטינאַ איז מעגליך צו גרינדען די יודישע היים. צווישען אַנדערן האָט ער געזאָגט פֿאָלגענדעס: „די יו־

דען בעדאַרפֿען אַ לאַנד, נאָך דעם גאַנג פֿון זייער ענטוויקלונג מוזען זיי עס און װעלען עס האָבען... דאָס לאַנד, װעלכעס די יודען מוזען האָבען בעדאַרף נישט אונבעדינגט האָבען אַ בעזונדערע צוציהונגס־קראַפֿט, עס מוז אָבער פֿערמאָגען אַנ־אַנדערע קראַפֿט — די פֿעסטהאַלטונגס־קראַפֿט. עס מוז קענען די יודישע עמיגראַנטען אַזוי לאַנג פֿעסטהאַלטען ביז עס װעט זיך ענדיגען דער לאַנגער ענטוויקלונגס־פּראָ־צעס, אין װעלכען דאָס נעוונדע קרעמער־פֿאָלק, װעט װערען אַ תּושב װאָס װעט פֿיהרען אַלע מלאכות, בעזונדערס אויך ערדאַרבייט, דאָס הייסט, ביז עס װעט װערען פֿון אַ קול־טור־לאָזער אַ קולטור־נאַציאָן. און דיזע קראַפֿט האָט נאָר פּאַלעסטינאַ, דורך די געפֿיהלען, װעלכע זי פֿליסט איין אין די יודישע מאַסען. דיזע געפֿיהלען זענען די איינציגע מעגליכע געציינ, װעלכע קענען צערייסען די גלות־און די גהעטאָ־קייטען, װאָס שלעפּען זיך נאָך דעם יודישען פֿאָלק אין די פֿרייהייט, כדי, עס צוריקשלעפּען אין גלות. נאָר די ציון'ס געפֿיהלען קענען פֿערהיטען, אַז די נייע אָנגעקומענע זאָלען דורך די שווע־ריגקייטען פֿון דער יונגער פֿרייהייט און קולטור נישט בענקען נאָך די מעהר ליי־דיגע איידער פֿולע פֿליישטעפּ אין די גלות־לענדער, און זיי זאָלען נישט נאָכגעבען דיזער בענקשאַפֿט. דיזע ערובות פֿון פּאַלעסטינאַ האָט אַזאַ גרויסען װערטה, אַז שוין דורך איהר אַליין, װערט פּאַלעסטינאַ דאָס איינציגע מעגליכע לאַנד. און נאָך איין אַרגומענט קאָן מען ברענגען פֿאַר פּאַלעסטינאַ: װאָרום אויך בנוגע צו איהר װי ביים ציוניזמוס איבערהויפּט, קאָן מען זאָגען, אַז נעבען דעם נוצען פֿאַר די יודען איז אויך דאָ אַ נוצען פֿאַר די מענשהייט. און עס דאַרף אונז נאָך מעהר פֿרייען, אַז גראַדע דורך דעם װאָס מיר קלייבען אויס פּאַלעסטינאַ בעקומען מיר װיע־דער די געלעגענהייט, אויף אַ בעדייטענדען אופֿן מיטצואַרבייטען אין דעם פּראָגרעס פֿון דער מענשהייט. אַ יודיש שטאַאַטס־פֿאָלק, װאָס װעט זיך בעזעצען אין פּאַלעס־טינאַ, װעט נעמליך זיין, נישט בלויז אין אינערן דער פֿערמיטלער צווישען די סאָציאַל־עטישע און די פּאָליטיש־עסטעטישע עלעמענטען פֿון דעם אייראָפּעאיז־מוס, נאָר אויך נאָך אויסען װעט עס זיין דער שוין לאַנג געזוכטער פֿערמיטלער צווישען מזרח און מערב. דען אויב אַ פֿאָלק קאָן דערצו פֿעהיג זיין — דאַן איז עס דאָס יודישע פֿאָלק מיט זיין געבוירענעם מזרח־לענדישען כאַראַקטער און מיט זיין אייראָפּעאישע ערציהונג; און אויב אַ לאַנד איז אַמאָל פֿעהיג געװען צו זיין אַ טעריטאָריאַלע באַזיס פֿאַר דיזען פֿערמיטלערטום, דאַן איז עס פּאַלעסטינאַ מיט זיין נאָהענטקייט צו אייראָפּאַ, מיט זיין לאַגע נעבען דעם סועז־קאַנאַל, און אַלס די אונפֿערמיידליכע שטאַציע אויף דעם װעג נאָך אינדיען. מען זעהט אַלזאָ, אַז דאָס, װאָס מיר װילען היקא פּאַלעסטינאַ, איז נישט קיין איינגעשפּאַרטקייט, פֿערקעהרט, דאָס פֿערשטאַרקט די ערובות, אַז די דערגרייכונג פֿון אַ לאַנד דורך דעם יודישען פֿאָלק איז היסטאָריש בערעכטיגט..."

פֿאַר די װיכטיגסטע פֿראַגען פֿון ציוניזמוס האָט דער קאָנגרעס געבראַכט אויפֿ־קלערונגען און אָנרעגונגען אין אַ גרויסען צאָהל. װען מען קוקט היינט צוריק אויף די דעמאָלט געטהוענע אַרבייט, דאַן מוז מען מיט אַ בעוואונדערנדע אַנערקענונג מודה זיין, אַז קיין שום קאַפּיטעל פֿון דעם פֿערוויקעלטען מאַטעריאַל איז נישט געבליבען אונבעריהרט, האָטש עס האָבען זיך אויך געפֿונען רעפֿערענטען און דיסקוטאַנטען, װעלכע האָבען אויף דעם נאָך נישט קלאָרען געביעט נאָר לאַנגזאַם זיך בעוועגט. אַ גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט האָט מען צוגעווענדט די קאָלאָניזאַציאָנס־

פערהעלטניסען אין פאלעסטינא. און אויך די פראגע וועגען די נאציאנאלע יודישע קולטור און פאר אלעם די ווידערבעלעבונג פון דער העברעאישער שפראכע איז אפטמאל פערהאנדעלט געווארען, בעזונדערס דורך א רעפעראט פון ד״ר עהרענפריז. שוין אויף דיזען קאנגרעס האט דער פראפעסאר שאפירא (וועלכער איז ליידער באלד דערויף געשטארבען) פארגעלעגט צוויי פארשלאגען, איינעם וועגען נאציאנאל-פאנד (צום צוועק פון ערד מקהים אין פאלעסטינא), און דעם אנדערן וועגען א יודישע אוניווערזיטעט אין פאלעסטינא. דער ערשטער איז דערנאך פערווירקליכט געווארען, בעת דער אנדערער פראיעקט וועגען דער הויכער שולע איז נאך ביז היינט נישט פערווירקליכט, הגם מען האט איהם נאך נישט אויפגעגעבען. אויך וועגען די שאפונג פון א באנק-אינסטיטוט, וועלכעס זאל הורכפיהרען די פינאנציעלע פונקציאנען (די שפעטערע קאלאניאל-באנק) אין פאל פון פאליטישע קאנצעסיעס, איז שוין דעמאלט דיסקוטירט געווארען.

אבער די וויכטיגסטע ארבייט פון דעם ערשטען קאנגרעס איז געווען די שאפונג פון דעם ציוניסטישען פראגראם און די ציוניסטישע ארגאניזאציאן. דערמיט האט דער קאנגרעס דערפילט די הויפט-פאדערונג: ער האט געגעבען דער אידעע און דער פארטיי הויערהאפטיגקייט און פעסטיגקייט.

דאס באזעלער פראגראם.

דער ערשטער קאנגרעס האט געהאט א זעהר שווערע אויפגאבע. פון די פערשידענע אנשויאונגען: פון די אידעען הערצל׳ס, פון די פרינציפען פון הערצל׳ס פארגענגער, פון די ערפאהרונגען פון די אלטע און פון די מיינונגען פון די יונגע ציוניסטען האט דער קאנגרעס געמוזט צוזאמענשטעלען אן איינהייטליך פראגראם. דיזעס פראגראם האט געמוזט זיין קלאר, ענטשידען און קורץ, אבער דאך דאס וועזענטליכע ענטהאלטען, כדי עס זאל געפינען אן אבקלאנג אין דער מאסע. צום אויסארבייטען א פראגראם, האט דער קאנגרעס אויסגעקליבען א פראגראם-קאמיסיע. ווי גוט די קאמיסיע האט ערפילט איהר אויפגאבע, בעווייזט דער פאקט, אז דאס פראגראם, וועלכעס איז אנגענומען געווארען פונ׳ם ערשטען קאנגרעס, האט נאך ביז היינט, נאך די לאנגע און שווערע יאהרען פונ׳ם פארטיי-לעבען, נישט פערלוירען זיין גילטיגקייט. דאס נאך דער קאנגרעס-שטאדט אנגערופענע באזעלער פראגראם לויטעט:

דער ציוניזמוס שטרעבט צו שאפען פאר׳ן יודישען פאלק א נ׳עפענטליך-רעכטליך געזיכערטעס הײמאטלאנד (היימשטעטע) אין פאלעסטינא.

פאר די דערגרייכונג פון דיזען צוועק ציעהט דער קאנגרעס פאלגענדע מיטלען אין בעטראכט:

1. די צוועק דיענליכע פערדערונג (פערברייטונג, שטיצונג) פון דער קאלאניזאציאן פאלעסטינא׳ס דורך יודישע ערד-ארבייטער האנדווערקער און אינדוסטריעלע.
2. די ארגאניזירונג פון די יודען אין פאסענדע ארטליכע און אלגעמיינע ארגאניזאציאנען אין די ראהמען פון די לאנדעס-געזעצען.

3. די שטאַרקונג און אונטערשטיצונג פֿון דער יודישער זעלבסטאַכטונג און פֿון נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין.

4. פֿאָרבערייטענדע שריטע פֿאַר די דערגרייכונג פֿון די רעגירונגס-צושטימונגען, וועלכע זענען נויטיג אום צו דערגרייכען דאָס ציעל פֿון ציוניזמוס.

די חילוקי דעות און הייסע ויכוחים ביי דער בעראַטונג פֿונ'ם פּראָגראַם פּראָיעקט זענען געווען נאָר בנוגע צו דער פֿאָרמולירונג וועגען די אַרט פֿון דער רעכטליכער זיכערונג פֿון דעם צוקונפֿטיגען לאַנד. די קאָמיסיאָן האָט פֿאָרגעלעגט: „רעכטליך געזיכערטע היימשטעטע". אָבער אַ טייל פֿון די דעלעגירטע האָבען געוואָלט אַז דאָס פּראָגראַם זאָל דייטליך און נישט צוויידייטונג אויסדריקען דעם אונטערשיעד, וועלכער אונטערשיידעט שאַרף דעם פּאָליטישען ציוניזמוס פֿון דעם פֿריהערדיגען „פּראַקטישען" חובבי-ציוניזמוס, און זיי האָבען געפֿאָדערט, אַז אין פּראָגראַם זאָל שטעהן: „דער ציוניזמוס שטרעבט... אַ פֿ ע ל ק ע ר - ר ע כ ט ל י ך געזיכערטע היימשטעטע..." ערשט טהעאָדאָר הערצל האָט פֿאָרגעלעגט אַ פֿערמיטלונגס-פֿאָרשלאַג, צו פֿאָדערן פּראָגראַמאַטיש אַ ע פֿ ע נ ט ל י ך - ר ע כ ט ל י כ ע זיכערונג. דיזע פֿאָרמולירונג האָט בעקומען די הסכמה פֿון ביידע צדדים און אַזוי האָט דער קאָנגרעס אונטער בעגייסטערטע צורופֿען פֿון די דעלעגירטען איינשטימיג אָנגענומען דיזען פּראָגראַם.

די ארגאניזאציאָן. דער שקל.

דאס אקציאנס-קאָמיטע.

די פֿראַגע וועגען דער אָרגאַניזאַציאָן פֿון אַ פּאַרטיי, וועמעס אַנהענגער זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, וועלכע בעלאַנגען צו די פֿערשידענע גייסטיגע, געזעלשאַפֿטליכע און סאָציאַלע שיכטען, איז אויך געווען אַ זעהר שווערער פּראָבלעם. נאָכדעם ווי ד"ר באָדענהיימער האָט געלייענט אַ פֿאָרטרעפֿליכען רעפֿעראַט, איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיסיע, וועלכער עס איז יאָך גרויסע מיה געלונגען אויסצואַרבייטען אַ סיסטעם, וועלכעס איז אין וועזענטליכען נאָך ביז אויפֿ'ן היינטיגען טאָג געבליבען דער עצם פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן.

בעזונדערס גליקליך איז געווען דער זעהר פֿאָלקסטימליכער געדאַנק וועגען שקל, וועלכען מען האָט געמאַכט פֿאַר'ן יסוד פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פֿון וועלכען עס איז אַבהענגיג דאָס בעלאַנגען צו דער אָרגאַניזאַציע. אָנקניפּענד אָן די שקל-שטייער, וועלכע מען פֿלעג צאָהלען אין אַלטען ארץ ישראל ביי דער פֿאָלקס-צעהלונג, האָט דער קאָנגרעס בעשטימט פֿאָלגענדעס:

1. דער הויפּטאָרגאַן פֿון די ציוניסטען איז דער קאָנגרעס.

2. יעדער ציוניסט, וואָס וויל האָבען דאָס רעכט צו וועהלען דעלעגירטע צום קאָנגרעס, צאָהלט יעהרליך פֿאַר ציוניסטישע צוועקען מינדעסטענס איין שקל (1 קראָנע, 1 פֿראַנק, 40 קאָפּ.)

יעדע 100 שקל-צאָהלער האָבען דאָס רעכט צו וועהלען אַ דעלעגירטען צום קאָנגרעס.

דיזעס דעמאָקראַטישע סיסטעם, וועלכעס, ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן

איבערהויפּט, גיט אָרימע און רייכע, מענער און פרויען די װעלבע רעכטע האָט טאַקי מיטגעהאָלפען צו דער גרויסער פערברייטונג פונ'ם ציוניזמוס.

פאַר די לייטונג פון דער אָרגאַניזאַציאָן, װעלכע נעהמט אַרום אַלע שקל־צאָהלער, האָט דער קאָנגרעס בעשלאָסען צו בילדען אַן אַקציאָנס־קאָמיטע, דהיינו: אַן ענגער אַקציאָנס־קאָמיטע פון 5 פערזאָנען אַלס אַ צענטראַל־קאָמיטע מיט דעם זיץ אין װיען, און אַ גרויס אַקציאָנס־קאָמיטע, װעלכעס בעשטעהט פון צו איינעם אָדער מעהרערע פערטרעטער פון די פערשידענע לענדער.

בראש פון דעם אַקציאָנס־קאָמיטע איז געשטעלט געוואָרען טהעאָדאָר הערצל, װעלכער האָט געהאַט דיזע װירדע און אויך די פון אַ קאָנגרעס־פּאָרזיצענדען ביז צו זיין טויט.

דאס װאַקסען פון דער בעװעגונג.

נאָך דער מורא'דיגער אַרבייט ביי דער איינבערופונג פונ'ם קאָנגרעס — אַ טייל פּראָפּאָגאַנדיסטען, בעזונדערס די יונגערע זענען װאָכען־און מאָנאַטען־לאַנג אַרום־געפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד, אום צו אַגיטירען פאַר'ן קאָנגרעס —, נאָך די הויכע כוואַליעס װעהרענד די קאָנגרעס־טעג איז איינגעטרעטען אַ ביסעל רוהע אין דער אָרגאַניזאַציאָן. באַלד אָבער האָט זיך די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט װידער אָנגעהויבען מיט אַ פולען אימפּעט. דער שטאַרקער װידערקול, װעלכען דער קאָנגרעס האָט אַרויסגערופען אין דער עפענטליכקייט, און אויך די געגנער אינ'ם יודישען לאַגער, װעלכע זענען דורך דעם גרויסאַרטיגען ערפאָלג פונ'ם ערשטען קאָנגרעס. נאָך שאַרפער אַרויסגעטראָטען געגען ציוניזמוס, האָט נאָך מעהר בעגייסטערט די אַגיטאַטאָרען, צו אַרבייטען מיט נאָך מעהר התמדה און מיט דער גאַנצער קראַפט. דער ערפאָלג איז געװעזען דער, אַז אין משך פון אַ יאָהר האָבען זיך די אַנהענגער פערמעהרט אויף 9 מאָל אַזוי פיעל. פון די 117 גריפּען איז געװאָרען 913. (די מייסטע חובבי ציון, װעלכע האָבען זיך פריהער געקװענקעלט, זענען יעצט צוגעשטאַנען צום פּאָליטישען ציוניזמוס). פון דער צייט אָן, האָט זיך די צאָהל פון די אָרגאַניזירטע ציוניסטען פערמעהרט פון יאָהר צו יאָהר, אַזוי, אַז דער לעצטער (זיבענטער) קאָנגרעס האָט געהאַט צו פערצייכנען כמעט 200.000 אָרגאַניזירטע ציוניסטען.

די יודישע קאָלאָניאַלבאַנק.

נאָך פאַר דעם צװייטען קאָנגרעס האָט דאָס אַקציאָנס־קאָמיטע איינבערופען נאָך װיען אַ קאָנפערענץ, װעלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם פּלאַן װעגען גרינדען אַ באַנק־אינסטיטוט, װעלכעס זאָל דיענען די פּאָליטישע ציעלען פון דער בעװעגונג. און נאָך פאַר דעם צװייטען קאָנגרעס האָבען זיך דורך די ערעפנונג פון אַ סובסקריפּציאָן (צייכנונג פון אַנטיילען), אָנגעהויבען זעהר ענערגישע פאָר־אַרבייטען פאַר דאָס אינסטיטוט, װעלכעס האָט דאַן בעקומען דעם נאָמען יודישע קאָלאָניאַל־באַנק. עס איז געװען אַנ'אמת'ע פאָלקס־באַנק, װעמעס אַנטיילען („שערס") זענען פעסטגעזעצט געװאָרען צו 1 פונט שטערלינג (24 קר.) די גרינדונג פון דער באַנק גופא איז זעהר שװער געגאַנגען. עס איז נישט געװען קיין דוחק אין געגנער

מצד די יודען. אָבער דאָס באַנק-קאָמיטע אונטער פּאָרזיץ פון הוד וואָלפזאָהן האָט ביינעקומען אַלע שוויריגקייטען, און אין מערץ 1898 איז די באַנק אונטער דעם נאָמען The Jewish Colonial Trust, Limited (יודישע קאָלאָניאַל-באַנק) אין לאָנדאָן, האַנדעלס-געריכטליך איינגעטראַגען געוואָרען. אפשר נאָך קיינמאָל נישט איז אַ באַנק נעגרינדעט געוואָרען אונטער אַזוינע אומשטענדען. עס האָבען זיך געפינען איבער 100,000 בעזיצער פון איינצעלנע אַנטיילען, צווישען זיי אַ גרויסער טהייל פּראָלע-טאַריער, וועלכע זענען געקומען, אונטער ריהרענדע בעווייזען פון זייער אַנהענג-ליכקייט צו דער ציוניסטישער אידעע, און האָבען אָבגעגעבען זייער חלק, אום צו צו העלפען צום בוי פון דער באַנק. עס איז נישט געווען זייער שולד, נאָר די שולד פון די רייכע, ווען טראָץ אַלע מיה און טראָץ די גאַנצע ליעבע צו דער זאַך, האָט די באַנק ביז היינט קוים דערגרייכט די הויך פון 6 מיליאָנען מאַרק, בעת מען האָט אין אַנפאַנג געהאָפט אויף אַ שטאַם-קאַפּיטאַל פון 40 מיליאָנען מאַרק.

וועגען די איינצעלהייטען איבער די באַנק וועט זיך נאָך רעדען אין דער הוספה, דאָ ווילען מיר נאָך בקיצור בעשרייבען די ענטוויקלונג פון דער באַנק פון זייט דעם צווייטען קאָנגרעס. אין יאָהר 1903 האָט די באַנק געגרינדעט אין יפו אַ טאָכטער-אינסטיטוט, די Anglo Palestine Company (ענגליש-פּאַלעסטינישע געזעלשאַפט); אין יאָהר 1904 האָט די לעצטע געגרינדעט אַ פיליע אין ירושלים און אין דער לעצטער צייט אַ צווייטע פיליע אין באירות. אַזוי גיט די קאָלאָניאַל-באַנק ווי אויך די Anglo Palestine Company אַרבייטען מיט בעפריעדיגענדע ערפאָלגען. אָבער אויף די ציוניסטען וואַרט נאָך אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדאַ-אַרבייט פאַר די פינאַנציעלע אינסטיטוטען, וואָרום פאַר די גרויסע פּאָליטישע ציעלען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג זענען אויך נויטיג גרויסע פאָנדען.

פונ'ם צווייטען ביז צום זעקסטען קאָנגרעס.

דער צווייטער קאָנגרעס האָט געבראַכט, אַ חוץ די בעשליסען וועגען די באַנק-גרינדונג, אַ גרינדליכען ויכוח וועגען די פראַגע פון קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ, ד. ה. דעריבער, צי די אָרגאַניזאַציאָן פון די פּאָליטישע ציוניסטען זאָל אונטערנעהמען קאָלאָניזאַציאָנס-אַרבייטען אין פּאַלעסטינאַ נאָך פאַר די דערגרייכונג פון פּאָליטישע קאָנצעסיעס (דעם „טשאַרטער“) מצד דער טערקישער רעגיערונג. צוליעב דער וויכ-טיגקייט פון דיזער פראַגע האָט דער קאָנגרעס אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע, וועמעס פאָרשלאַגען דער קאָנגרעס האָט דאַן אָנגענומען. אָט דאָס זענען די וויכטיגסטע פּונקטען פון זיי: „די ערשטע קאָלאָניזאַציאָנס-שריטען מוזען געמאַכט ווערען נאָר מיט די יודען וואָס לעבען אין דער טערקיי. די טעטיגקייט פון דער קאָלאָניאַל-באַנק דאַרף העלפען פועל'ן ביי דער טערקישער רעגיערונג אַן ערלויבניס פאַר די קאָלאָניזאַציאָן.“ אויפ'ן סמך פון דיזע בעשליסען האָט דאָס אַקציאָנס-קאָמיטע אין די פאָלגענדע יאָהרען זיך ענטזאַגט פון יעדוועדער פּאַלעסטינאַ-טהעטיגקייט, ווייל עס האָט זיך נאָך נישט געקענט שטיצען אויף קאָנצעסיעס מצד דער טערקיי.

דאַגעגען האָט דאָס אַקציאָנס-קאָמיטע שוין אין דעם בעריכט איבער דעם ערשטען קאָנגרעס-יאָהר אונטערגעשטראָכען, אַז עס האָט איינגעלייטעט דיפּלאָמאַ-

טישע אַרבּייט, ד. ה. די אונטערהאַנדלונגען בּיי די בּעטרעפֿענדע רעגיערונגען, אום זיי צו געווינען פֿאַר די אונטערשטיצונג פֿונ'ם ציוניסטישען פּלאַן. בּאַלד נאָך דעם צווייטען קאָנגרעס האָט הערצל, וועלכער איז שוין פֿריהער געהאַט געוועזען בּיים סולטאַן, געקענט אויספֿיהרען זיינע ערשטע פּאָליטיש-דיפּלאָמאַטישע ערפֿאָלגען. ער האָט בּעקומען די געלעגענהייט אַלס פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער בּעוועגונג בּראש פֿון אַ ציוניסטישער דעפּוטאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ צו בּעגריסען דעם דייטשען קייזער ווילהעלם דעם צווייטען, איהם פֿאָרצולעגען דעם ציוניסטישען פּלאַן און בּעטען זיין אונטערשטיצונג. און אויך דעם דריטען קאָנגרעס האָט ער געקאָנט בּע־ ריכטען, אַז ער האָט געפֿונען „דעם קייזער'ס וואָהלוואָללענדען אינטערעס". די ערשטע פּאָליטישע בּעציהונגען, וועלכע הערצל האָט דערגרייכט אויף דיזען אופֿן, האָט ער דאַן מיט אַ אונפֿערגלייכליכער ענערגיע אין משך פֿון די פֿאָלגענדע יאָהרען געזוכט אויסצובּרייטערן און צוצופֿיהרען צו עפּיס אַ ממשות. די „דיפּלאָמאַטישע" אַרבּייט אין דער ציוניסטישער בּעוועגונג איז בּיז צו זיין טויט געבּליבּען זיין אויס־ שליעסליך הערשונגס-געביעט, און דער קאָנגרעס האָט מיט צוטרויען געלעגט אין זיינע הענד די פֿערטרעטונג פֿון די פּאָליטיש ציוניסטישע אינטערעסען.

די אָרגאַניזאַציאָן האָט דערווייל געאַרבּייט מיט פֿולער התמדה אָן דעם אינערן אויפֿבּוי. וואָס מעהר די ציוניסטען זענען אַלס אַ פֿעסט אָרגאַניזירטע פּאַרטיי געקומען אין אַ בּעריהרונג מיט דעם יודישען לעבּען, דאָס מעהר פּראָבּלעמען זענען פֿאַר זיי געשטאַנען. זייער אַרבּייט, וועלכע האָט, לויט דעם בּאַזעלער פּראָגראַם געהאַט דעם ציעל, אויפֿצוואועקען און שטיצען די יודישע זעלבּסטאַכטונג און דאָס נאַציאָ־ נאַלע בּעוואוסטזיין, האָט זיי נעהנטער געבּראַכט צו די גרויסע בּעדירפֿניסען פֿון די מאַסען. אין פֿיעלע לענדער האָבּען די ציוניסטען צוגעווענדעט זייער אויפֿמערקזאַמ־ קייט אויך די וויסענשאַפֿטליכע און קולטורעלע בּעדירפֿניסע פֿון די יודען:

אַ סך הכּול פֿון פֿראַגען, וועלכע זענען צוזאַמענגענומען געוואָרען אונטער דעם טיטעל „פֿראַגען וועגען די קערפּערליכע, גייסטיגע און ווירטשאַפֿטליכע הע־ בּונג" האָט געפֿאָדערט פֿון די ציוניסטען אַ טעאָרעטישע און פּראַקטישע לעזונג. וואו ניט וואו זענען פּלוצים אויסגעבּראָכען קאַטאַסטראָפֿען אויף די יודישע בּעפֿעלקערונג, און די ציוניסטען האָבּען געמוזט תּיכף העלפֿען. פֿערשטעהט זיך, אַז אויך די קאָנגרעסען האָבּען זיך געמוזט ווענדען צו דער געגענוואַרטס-און נאַציאָ־ נאַלער אַרבּייט. דאָס קולטור-פּראָבּלעם איז בּעהאַנדעלט געוואָרען איינינע מאָל דורך רעפֿעראַטען. דורך גרינדונג פֿון מוסטערשולען (הדרים מתוקנים) אין רוסלאַנד, דורך בּיבּליאָטעקען, לעזעהאַלען, דורך העבּרעאישע קלובּען אויך אין אַנדערע לענדער איז די יודישע קולטורעלע פּראָפּאַגאַנדע אויך אין די פּראַקטיק איינגעפֿיהרט געוואָרען. דאָס פּראָבּלעם פֿון די ווירטשאַפֿטליכע העבּונג איז דורך רעזאָלוציעס אויפֿגעקלערט געוואָרען, און אויך די פֿראַגע וועגען קערפּערליכע ערציעהונג איז קלאָר אַנאַליזירט געוואָרען בּעזונדערס דורך אַ שעהנעם רעפֿעראַט פֿון פּראָפֿעסאָר מאַנדעלשטאַם, וועלכער האָט פֿאָרגעלעגט מען זאָל גרינדען גימנאַסטיקע-פֿעראיינען און אַנדערע היגיענישע אַנשטאַלטען, אום צו פֿערבּעסערען דעם שלעכטען קערפּערליכען מצב פֿון די יודישע מאַסען. בּעזונדערס פֿיעל צייט האָט דער 4-טער קאָנגרעס, וועל־ כער איז אויסנאַהמסווייזע געווען אין לאָנדאָן, געווידמעט דער דעמאָלטיגען מאַסען־ פֿערטרייבּונג פֿון די יודען אויס רומעניען. נאָרדאוי און אַלכּסנדר מאַרמאָרעק האָ־

בען פון דער לאנדאנער טריבונע אראב געהאלטען גרויסע בעדייטונגספולע רעדען, וועלכע האבען דאן געמאכט א שטארקען רושם אויף דער גאנצער וועלט.

דורך די פערטיעפונג פון די פראגראמאטישע אנשויאונגען און דורך די ספעציאליזירונג פון די פערשידענע טעטיגקייטען האבען זיך דאן ארויסגעבילדעט פערשידענע מיינונגס-גרופען, וועלכע האבען אין דער אדער אין יענער פראגע פערטרעטען זייער אייגענע אנשויאונג געגען די מיינונג פון דער לייטונג אדער פון די אנדערע גרופען. דאס איז א זעלבסטפערשטענדליכע, נאטירליכע ערשיינונג, וועלכע קומט פאר אין אלע בעוועגונגען. די יודישע קולטור-פראגע למשל האט ארויס-גערופען גרופען פון פערשידענע געגענזעצליכע אנשויאונגען. אויך די שוין דער-מאנטע פראגע וועגען פראקטישער ארבייט אין פאלעסטינא נאך איידער מען האט בעקומען דעם טשארטער, האט געפיהרט צו דיפערענצען און מיינונגס-קעמפפע. אבער דיזע דיפערענצען בנוגע צו איינצעלנע פונקטען פון פראגראם, הגם זיי האבען געפיהרט צו דער גרינדונג פון בעזונדערע פראקציעס, ווי למשל די רעליגיעזע פראקציע „מזרחי“ און די „דעמאקראטישע“ פראקציע, וועלכע האבען טיילמאל, בעזונדערס אויף דעם פינפטען קאנגרעס געפיהרט צו א שטארקען קאמפף פון די געגענזעצען, זענען דאך געווען ניכער אן׳ אויפלעבענדער, איידער א שטערענדער מאמענט פאר די בעוועגונג. ווארום אין עיקר, אין די פראגראמאטישע הויפטפונקטען און אין די לעצטע ציעלען פון דער בעוועגונג האט געהערשט א פאלקאמער אחדות.

וועהרענד די ציוניסטען האבען פון איין זייט אויף דיזען אופן פאנאנדערגע-ברייטערט זייער טעטיגקייט אויף פילע געביעטען פון יודישען לעבען, און בעת זיי האבען פון דער אנדערער זייט אינערהאלב פון ציוניזמוס זיך ארגאניזירט אין פעסטע אנשויאונגס-פראקציעס, איז זיך די ציוניסטישע ארגאניזאציאן געגאנגען ווייטער איהר וועג אויף דער גלייכער ענטוויקלונגס-ליניע. זי האט גענומען פערשטארקען איהרע מיטלען דורך א נייע גרינדונג, וועלכע איז שוין געפלאנט געווען אויף דעם ערשטען קאנגרעס. אויף דעם 4-טען קאנגרעס איז געגרינדעט געווארען דער

יודישער נאציאנאלפאנד.

וועלכער שטיצט זיך אויף פרייוויליגע נדבות, און איז דערצו בעשטימט נאך דער דערגרייכונג פון גענוגענדע יורידישע ערובות צו ערמעגליכען ערד-מקחים אין פא-לעסטינא. תיכף נאך דעם 4-טען קאנגרעס האט מען אנגעהויבען מיט התמדה זאמלען פאר׳ן נאציאנאל-פאנד, וועמעס פערמעגען בעטראגט היינט בערך אנדערהאלב מיליאנען מארק. (איבער אלע פרטים וועגען נאציאנאל-פאנד לעז אין דער הוספה.) אין דער לעצטער צייט איז דער נאציאנאל-פאנד יורידיש איינגעטראגען געווארען לויט די ענגלישע געזעצען אלס א „געזעלשאפט מיט בעשרענקטע ערובות“. פאר א טייל פונ׳ם קאפיטאל האט מען שוין געקויפט ערד אין ארץ ישראל. לויט א בע-שלוס פון 6-טען קאנגרעס מוז אבער א פיערטעל פון נאציאנאלפאנד-קאפיטאל צוזאמען מיט דעם גאנצען פראצענט אזוי לאנג בלייבען אונבעריהרט, ביז ווי לאנג א יודישע קאלאניזאציאן אין פאלעסטינא וועט נישט מעגליך זיין אין גרויסען אומ-פאנג. אין דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ איז דער נאציאנאל-פאנד געווא-רען די סימפאטישסטע אינסטיטוציאן אינ׳ם ציוניזמוס, וועלכע ווערט פון אלעמען

העולם

מיום 1 יאנואר 1907 מופיע בהוצאת „די וועלט"

עתון שבועי חדש בשפת עבר

„העולם"

„העולם" מכיל רק מאמרי מדע וספרות

מאת טובי הסופרים העברים בזמננו.

מחיר העתון בן שנים עשר עמודים — 8 מארק לשנה. הותמי ה„וועלט" יקבלו את „העולם" במחיר הנמוך 4 מא־ק לשנה.

ההנהגה הספרותית ת"י **נ. סיקולוב.**

אבאנאמענטס־פרייז פאר „די וועלט":

פיערטעליעהרליך: פיר דייטשלאנד 2 מא־ק 50; עסטרייך־אונגארן 3 קר.; רוסלאנד 1.75 רובעל; ענגלאנד און די קאלאניען 3,6 שילינג; אמעריקא 85 סענט; האלאנד 2 גולדען; פיר אלע איבריגע לענדער 4 פראנק 25 סאנטים.

פאר'ן „העולם":

פיערטעליעהרליך: פיר דייטשלאנד 2 מא־ק; עסטרייך־אונגארן 2,40 קר.; רוסלאנד 1 רובל; ענגלאנד און די קאלאניען 2 שילינג; אמעריקא 50 סענט; אין אלע איבריגע לענדער 2,50 פראנק.

פאר די אבאנענטען פון „די וועלט" קאסט דער „העולם" נאר די העלפט.

Die Welt

Zentralorgan der zionistischen Bewegung

Köln am Rhein, Ubierring 23 — Erscheint jeden Freitag

Die neuesten jüdischen Nachrichten

finden Sie in der Wochenschrift . . . „Die Welt“

„Die Welt“ hat ihre Korrespondenten in allen Teilen der Erde. Ihr Nachrichtendienst wird von keiner Zeitung übertroffen.

Die neuesten zionistischen Nachrichten

bringt von allen jüdischen Zeitungen zuerst . . . . „Die Welt“

„Die Welt“ ist das Zentralorgan der zionistischen Organisation und ihrer Institutionen (Kongresse, Kolonialbank, Jüdischer Nationalfonds etc.). Alle interessanten Nachrichten aus der zionistischen Bewegung findet man daher zuerst in ihren Spalten.

Jüdische Kunst und Wissenschaft

würdigt eingehend und führt in Wort und Bild vor . . . . „Die Welt“

„Die Welt“ war das erste Organ, das die jungjüdische Dichtung und Kunst in die europäische Oeffentlichkeit einführte. Durch ihre Verbindung mit den bedeutendsten jüdischen Künstlern der Gegenwart hat „Die Welt“ anerkanntermassen auf diesem Gebiete epochemachend gewirkt.

Die verbreitetste jüdische Zeitung

in deutscher Sprache ist . . . . . . „Die Welt“

„Die Welt“ wird wöchentlich nach 1500 Postorten der ganzen Welt verschickt. Sie wird gelesen, wo nur Juden wohnen.

Die meistgelesene jüdische Zeitung, das beste Insertionsorgan ist somit . . . . „Die Welt“

גערן אונטערשטיצט. אלענפאלס וואלט דא, ווי אויך ביי דער קאלאניאל-באנק, נויטיג געווען א מעהר שנעלער און ערפאלגרייכער וואוקס. אין דער לעצטער צייט ווייזט דער נאציאנאל-פאנד אויך סימנים פון אזא גינסטיגע ענטוויקלונג.

טהעאדאר הערצל'ס דיפלאמאטישע טעטיגקייט זייט דעם יאהר 1901.

אין מאנאט מאי 1901 איז טהעאדאר הערצל ווידער געבעטען געווארען צום סולטאן, דאס מאל שוין אלס פרעזידענט פונ'ם ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטע. דער סולטאן האט איהם עטליכע מאל מקבל געווען, און האט זיך געלאזט פון איהם דעם ציוניסטישען פלאן פארלעגען. הערצל איז דעמאלט פון סולטאן בעהאנדעלט געווארען מיט א בעזונדערער אויסצייכנונג, און איז בעעהרט געווארען מיט דעם טערקישען מעדושידיע ארדען. א וואסערען איינדרוק עס האבען געמאכט אויף הערצל'ן דיזע אונטערהאנדלונגען, וועלכע האבען אין מאמענט נישט געפיהרט צו קיין קאנקרעטען (ממשות'דיגען) ערפאלג זעהען מיר פון זיין רעדע אויף דעם 5-טען קאנגרעס: „די גוטקייט און הערצליכקייט, מיט וועלכער מען האט מיך מקבל פנים געווען האבען מיך ערפילט מיט די בעסטע האפנונגען. פון די ווערטער און פון דעם פערהאלטען פון זיין מייעסטעט האב איך געוואונען די איבערצייגונג, אז דאס יודישע פאלק האט א גוטען פריינד אין דער פערזאן פון דעם קהאליף (סולטאן) און א העלפער. דער סולטאן האט מיך ערמעכטיגט דאס עפענטליך מודיע צו זיין. זאלען די יודען פון דער גאנצער וועלט עס געוואהר ווערען און זאלען זיי עס אויך פערשטעהען א וואסערע אויסזיכטען פאר זיי עס ענטהאלט אין זיך דיזער פאקט. זאלען זיי ענדליך גרייט זיין צו דער אקציאן, דורך וועלכע זיי קענען זיך גופא העלפען און אויך עפיס מיטטהון פאר די נייע אויפבליהונג פון דער טערקישער מלוכה.“ אין פעברואר און אויגוסט 1902 איז הערצל ווידער פערבעטען געווארען צום סולטאן, אבער אויך דאס מאל איז עס נישט געקומען צו קיין ענדגילטיגע רעזולטאטען, ווארום הערצל, ווי ער האט דאס מיטגעטיילט אויף דעם זעקסטען קאנגרעס, האט נישט געקענט אננעהמען פון סולטאן די פארגעלעגטע קאנצעסיאן „פאר א צעשטרייטע און צעזייטע קאלאניזאציאן אין פערשידענע טיילען פון דער טערקישער מלוכה, אלס א נישט גענוגענדע פאר די יודישע נאציאנאלע בעדירפניסען“.

נאך דיזע ביידע פערזוכען האט זיך הערצל ענטשלאסען צו זוכען נייע דיפלאמאטישע און פאליטישע וועגען. דערצו האבען איהם גענויטיגט די טרויריגע לאגע, אין וועלכער די רוסישע יודען האבען זיך געפונען נאך די טעג פון קישינעוו. אונטערשטיצט פון י. ל. גרינבערג איז ער אין אקטאבער 1902 געקומען אין א פערבינדונג מיט איינינע מיטגלידער פון דעם ענגלישען מיניסטארען-קאבינעט, און האט זיי פארגעלעגט דעם פלאן, צו בעוויליגען די ציוניסטען א לאנד-קאנצעסיע אויף די געגענד פאלעסטינא געלעגענע סיני-האלב-אינזעל. פון דער ענגלישער רעגירונג האט הערצל בעקומען א ווארמע עמפפעהלונג צו דער עגיפטישער רעגירונג, וועלכע האט געגעבען איהר הסכמה צו דער ארויסשיקונג א פארשונגס-קאמיסיאן און זי

האָט צוגעזאָגט צו בעווילליגען אַן' אויטאָנאָמיע פֿאַר די יודען, אין פֿאַל, ווען די קאָמיסיאָן וועט געבען אַ גינסטיגען בעריכֿט. אַנפֿאַנג מערץ איז די קאָמיסיאָן צוריק געקומען מיט איהר בעריכֿט, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מען מוז פֿאַלען לאָזען דעם פּלאַן, וואָרום, ווי הערצל האָט ערקלערט אויפֿ'ן 6־טען קאָנגרעס, דער פֿאַכֿמענישער בעריכֿט האָט אויפֿגעוויזען, אַז מען וועט נישט קענען פֿערזאָרגען מיט גענוג וואַסער דאָס פּעלוזינישע פֿלאַכֿע לאַנד, און דערפֿאַר איז אונמעגליך צו קאָלאָניזירען אַלאַריש. ווען די מיטגליעדער פֿון דער ענגלישער רעגיערונג האָבען זיך דערוואוסט פֿון דיזען בעריכֿט, האָבען זיי טהעאָדאָר הערצלען תיכף פֿאָרגעלעגט אַן' אַנדערן שטח לאַנד פֿאַר די יודען אין מזרח אַפֿריקאַ. באופן, אַז דאָס לאַנד וועט טויגען, האָט די ענגלישע רעגיערונג צוגעזאָגט אַ שטאָדטישע אויטאָנאָמיע (מוניציפּאַל־געזעצגעבונג) און אויך זעלבסט בעשטימונג אין רעליגיעזע און אַנדערע ענינים. הערצל האָט אָנגענומען דעם פֿאָרשלאַג פֿון דער ענגלישער רעגיערונג, אום איהם פֿאָרצולעגען דעם זעקסטען קאָנגרעס.

דער מזרח־אַפֿריקאַ פּראָיעקט.

די פּאָליטישע טעטיגקייט, וועלכֿע הערצל האָט ענטוויקעלט אין די לעצטע מאָנאַטען פֿאַר דעם זעקסטען קאָנגרעס, האָבען אויף איהם אַרויפֿגעלעגט גרויסע התחייבות'ן; באַלד איז ער געוועזען אין לאָנדאָן, באַלד אין פּאַריז, דאַן ווידער אין מצרים און ווידער צוריק אין לאָנדאָן, דאָ האָט ער אויסגעאַרבייטעט אַ פּלאַן אויף אַ טשאַרטער דאָ ווידער אַרויסגעשיקט אַ פֿאָרשונגס־קאָמיסיע — אין יענע טעג האָט הערצל געגעבען דעם גרעסטען בעווייז פֿון זיינע פּאָליטישע פֿעהיגקייטען. קנאַפּ פֿאַר דעם קאָנגרעס איז ער נאָך געפֿאָהרען אין רוסלאַנד, אום ביי דער רעגיערונג צו פֿאָדערן אַ בעסערונג פֿון די יודישע פֿערהעלטניסען און צו ערוועקען ביי איהר אַנ'אינטערעס פֿאַר'ן ציוניזמוס.

אויף דעם זעקסטען קאָנגרעס איז הערצל געקומען מיט אַ בעריכֿט וועגען אַלע דיזע טעטיגקייטען. הערצל האָט זיך גאָר נישט גערעכֿט, אַז דיזער מזרח־אַפֿריקאַ פּראָיעקט וועט זיין אַזאַ געפֿעהרליכֿע מתנה, אַז אויף איהם וועט זיך באַלד קאָנצענטרירען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונ'ם גאַנצען קאָנגרעס, אַז דיזער פּראָיעקט וועט אַרויסרופֿען אַזאַ הייסען קאַמפּף און אַזאַ געפֿעהרליכֿען קריזיס אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. אין דעם אַנטראַג פֿון דער ענגלישער רעגיערונג האָט הערצל געזעהן קודם כל די היסטאָרישע ערעיגניס, וואָס צום ערשטען מאָל, זייט די יודען האָבען פֿערלוירען זייער אַלטע היים, האָבען זיי איצט די מעגליכֿקייט צו בעקומען אַ לאַנד און זעלבסטשטענדיגקייט; אַז אַ גרויסמאַכֿט ווי ענגלאַנד אַנערקענט די יודישע נאַציע פֿאַר ראוי צו האָבען אַנ'אייגענע מלוכה. אין דיזער אַנשויאונג, אַז דאָס פּאָליטיש יודישע פּרינציפּ האָט דאָ געהאַט דעם ערשטען גרויסען נצחון, אין דיזען אָבשאַצען דאָס ערעיגניס אַלס אַ בעדייטענדען היסטאָרישען פֿאַקט, האָט זיך הערצל געפֿונען אין אַ הסכם מיט דעם גאַנצען קאָנגרעס. אָבער ווי אַזוי זאָל מען דיזע פֿאָרגעלעגטע קאָלאָניע אין מזרח־אַפֿריקאַ ברענגען אין אַ הסכם מיט דעם ציוניסטישען פּראָגראַם, וועלכֿעס פֿאָדערט בפירוש, גרינדען אַ היים אין פּאַלעסטינאַ? דאָס איז געוועזען די

פֿראַגע, בײַ וועלכער די געגענזײַטליכע מײנונגען זענען שוין אויף דעם זעקסטען קאָנגרעס שאַרף צוזאַמענגעשטויסען, אויף אַנ'אופן ווי מען האָט דאָס פֿריהער אין'ם ציוניזמוס קײנמאָל נישט געזעהען, און שפּעטער האָט זי זיך ערשט ענטוויקעלט צו אַ מורא'דיגען קאַמפּף, וועלכען עס האָט אַ סוף געמאַכט ערשט דער זיעבענטער קאָנגרעס.

טהעאָדאָר הערצל איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז עס איז מעגליך צו פֿערווירקליכען דעם מזרח־אַפֿריקאַ פּראָיעקט, אַז צוליעב די מורא'דיג וואַקסענדע יודישע נויט איז די גרינדונג פֿון אַ קאָלאָניע אין מזרח־אַפֿריקאַ נויטיג. „ציון איז דאָס נישט און עס וועט קײנמאָל נישט זײַן", האָט ער ערקלערט וועגען מזרח־אַפֿריקאַ, „עס איז נאָר אַ קאָלאָניזאַציאָנס־הילף, אָבער, נישט צו פֿערגעסען, אויף אַ נאַציאָנאַלען און מלוכה־יסוד. דערויף קענען און וועלען מיר נאָך אונזערע מאַסען נישט געבען דעם צײכען צום אויסציעהען. עס מוז זײַן און בלײַבט נאָר אַ נויטבעהילף, מיט וועלכע מען קאָן העלפֿען די איצטיגע ראַטלאָזיגקײט פֿון אַלע פֿילאַנטראָפּישע אונטערנעהמונגען און מיט וועלכען מען קאָן פֿערהיטען די ווײַטערע צעשטרײַאונג פֿון אונזער פֿאָלק. עס איז אָבער זעלבסטפֿערשטענדליך", האָט ער אין דעמזעלבען מאָמענט ערקלערט, „אַז דאָס יודישע פֿאָלק קאָן נישט האָבען קײן אַנדערן ענדציעל, ווי נאָר פּאַלעסטינאַ און אַז אונזערע אַנשטרענגונגען איבער דאָס לאַנד פֿון אונזערע אָבות זענען און מוזען בלײַבען אונפֿערענדערליך." הערצל האָט אויפֿ'ן קאָנגרעס נישט ערקלערט, ווער דאַרף אין געגעבענעם פֿאַל פֿערווירקליכען דעם מזרח־אַפֿריקאַ פּראָיעקט — די ציוניסטען, אָדער אַ נײַע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע די ציוניסטען זאָלען גרינדען צו דיזען צוועק. ער האָט נישט געפֿאָדערט פֿונ'ם קאָנגרעס אַנ'ענטפֿער אויף די פֿראַגע, צי זאָל מען אָננעהמען דעם פּראָיעקט אָדער נישט, ער האָט נאָר פֿערלאַנגט, דער קאָנגרעס זאָל בעשליעסען אַרויסצושיקען אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל פּריווען צו דער פֿאָרגעלעגטער שטח איז טויגליך פֿאַר אַ יודישער קאָלאָניזאַציאָן, און ערשט דער נעכסטער קאָנגרעס האָט בעדאַרפֿט געבען אַנ'ענטפֿער אויף דער פֿראַגע. אָבער דאָס פּלוצים אויפֿגעקומענע פּראָבלעם האָט אויף דעם קאָנגרעס אויפֿגעוועקט אַלע לײַדענשאַפֿטען, עס האָט אַרויסגערופֿען פֿון אײן זײַט ענטהוזיאַזם און פֿון דער אַנדערער, אַבסאָלוטע געגנערשאַפֿט. די ויכּוחים זענען נישט געפֿיהרט געוואָרען וועגען די פֿראַגע צו מען זאָל אַרויסשיקען אַ קאָמיסיע צו נישט, נאָר דעריבער, צו דער פּראָיעקט ליעגט אויף דער פּראָגראַמאַטישער ליניע פֿונ'ם ציוניזמוס צו נישט. וועלכע פֿראַגע איז פֿון אײן צד פֿערענטפֿערט געוואָרען מיט אַ יאָ און פֿון אַנדערן מיט אַ שטורמישען נ ײ ן. דאָס רעזולטאַט פֿון דער אַבשטימונג האָט געוויזען, אַז די מאַיאָריטעט איז פֿאַר דעם אַרויסשיקען אַ קאָמיסיע. פֿיעלע דעלעגירטע האָבען אָבער נאָר דערפֿאַר געשטימט פֿאַר אַרויסשיקען די קאָמיסיע, ווײַל צוליעב אַכטונג פֿאַר די ענגלישע רעגיערונג האָבען זײ געהאַלטען פֿאַר נויטיג וועניגסטענס צו בעטראַכטען דעם פּראָיעקט.

די מינאָריטעט איז געווען זעהר אויפֿגערעגט. זי האָט מורא געהאַט, אַז שוין דורך דעם אַרויסשיקען אַ פּריפֿונגס־קאָמיסיע געהט דער ציוניזמוס אַוועק פֿון זײַן פּרינציפּיעלען פּאַלעסטינישען וועג, און האָט זיך געדאגה'ט, אַז עס קאָן נאָך קומען דערצו, אַז די ציוניסטען וועלען בעשליעסען, גרינדען קאָלאָניעס ערגיץ אַנדערש, אײדער אין פּאַלעסטינאַ. נאָר דורך זײַן פֿײַערליכען און ענטשידענעם ערקלערען־

זיך פֿאַר פּאַלעסטינאַ, בּיים שליסען דעם קאָנגרעס, האָט זיי הערצל טיילוויז בּערוהיגט. אָבּער בּאַלד נאָך דעם קאָנגרעס האָט זיך, בּעזונדערס בּיי די רוסישע ציוניסטען נאָך פֿערגרעסערט די פֿורכט, אַז דאָס וויענער אַקציאָנס=קאָמיטע קאָן זיך אפשר פּראַקטיש אָבּגעבּען מיט דעם מזרח=אַפֿריקאַ פּראָיעקט, דורך וועלכען דאָס פּאַלעסטינאַ=פּרינציפּ איז אין אַ געפֿאַהר. ערשט אין מאָנאַט אַפּריל 1904 איז נאָך שאַרפֿע מהלוקת'ן אָבּגעהאַלטען געוואָרען אַ זיצונג פֿון דעם אַקציאָנס=קאָמיטע אין וויען, בּיי וועלכער עס איז הערצלען געלונגען צו צעשטרייען די פֿורכט און צו בּעווייזען, אַז, פֿערקעהרט, דאָס וויענער אַקציאָנס=קאָמיטע פֿיהרט ווייטער מיט גרויס התמדה און מיה די אַרבּייט פֿאַר פּאַלעסטינאַ. די מעשׂה מיט מזרח=אַפֿריקאַ וואָלט דעמאָלט געווען אין גאַנצען איינגעשלאָפֿען געוואָרען, צומאָל מען האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז דער פֿאָרגעלעגטער שטח טויג נישט פֿאַר קיין קאָלאָניזאַציאָן, ווען עס וואָלט נישט געווען געקומען די עראייגנים, וועלכע האָט דעם ציוניזמוס אַ מורא'דיגען קלאַפּ געגעבּען: הערצל'ס טויט.

דאָס פֿערשווינדען פֿון דיזע געוואַלטיגע געשטאַלט האָט געשאַפֿען אַ זעהר געדריקטע שטימונג אינ'ם ציוניזמוס. דאָס האָט אַרויסגערופֿען בּיי אַ קליינעם טהייל ציוניסטען אַ געוויסען פּעסימיזמוס בּנוגע צו דער דערגרייכבּאַרקייט פֿון פּאַלעסטינאַ. די פֿערטרעטער פֿון דיזען פּעסימיזמוס האָבּען אָנגעהויבּען וויעדער ערקלעהרען און פּראָפּאַגירען די נויטיגקייט פֿון מזרח=אַפֿריקאַ אָדער — אויבּ דאָרט זאָל נישט מעגליך זיין צו גרינדען אַ יודישע קאָלאָניזאַציאָן — טאָ קאָן זיין וואו ניט איז אויף אין דער וועלט. דאָס האָט אויפֿ'ס ניי אויפֿגעוועקט דעם מהלוקת וועגען מזרח=אַפֿריקאַ, וועלכער איז געפֿיהרט געוואָרען וואָס אַ מאָל הייסער, אַזוי אַז ער האָט דאַן אויסגעפֿילט דאָס גאַנצע אינערע לעבּען פֿון דער אָרגאַניזאַציאָן בּיז צום זיעבּענטען קאָנגרעס, וואו ער האָט זיך אין גאַנצען אויסגעלאָדענט און וואו ער איז געענדיגט געוואָרען. מיט אַ געוואַלטיגער מעהרהייט האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען פֿאָלגענדע החלטות:

א) דער זיעבּענטער ציוניסטען=קאָנגרעס ערקלערט: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן שטעהט פֿעסט אויפֿ'ן יסוד פֿונ'ם בּאַזעלער פּראָגראַם, וועלכעס שטרעבּט צו „שאַפֿען אַנ'עפֿענטליך=רעכטליך געזיכערטע היים פֿאַר'ן יודישען פֿאָלק אין פּאַלעסטינאַ“ און ענטזאַגט זיך — סיי אַלס צוועק, סיי אַלס אַ מיטעל — פֿון יעדער קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיגקייט אַ הויץ אין פּאַלעסטינאַ און אין די שכנות=לענדער.

ב) דער קאָנגרעס בּעשליסט: אויסצושפּרעכען דעם טיעפֿגעפֿיהלטען דאַנק דער רעגיערונג פֿון זיין בּריטישער (ענגלישער) מייעסטעט פֿאַר דעם פֿאָרגעלעגטען טעריטאָריום אין בּריטישען מזרח=אַפֿריקאַ צום צוועק דער גרינדונג פֿון אַ יודישע קאָלאָניזאַציאָן מיט אויטאָנאָמע=רעכטען.

אַזוי ווי עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אַ קאָמיסיאָן צו דערפֿאָרשען דאָס טעריטאָריום און זי האָט שוין געגעבּען אַ בּעריכט, בּעשליסט דער קאָנגרעס, דאָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן קאָן זיך נישט ווייטער פֿערנעהמען מיט דעם פֿאָרשלאַג.

דער קאָנגרעס נעהמט מיט אַ גרויסער בּעפֿריעדיגונג צו קענטניס די אַנערקענונג, וועלכע די בּריטישע רעגיערונג, שטרעבּענדיג צוצופֿיהרען די לעזונג פֿון דער יודענפֿראַגע, האָט צוגעטיילט דער ציוניסטישער בּעוועגונג און (דער

קאָנגרעס) דריקט אויס די האָפנונג, אַז די בריטישע רעגירונג וועט שטיצען
די ציוניסטישע בעוועגונג אויך דאָרט, וואו זי וועט זיך געפינען אין הסכם
מיט דעם באַזעלער פּראָגראַם.

G) דער זיבענטער ציוניסטען־קאָנגרעס דערמאָנט און אונטערשטרייכט, אַז לויט
דעם § 1 פון ציוניסטישען אָרגאַניזאַציאָנס־שטאַטוט איז „די ציוניסטישע
אָרגאַניזאַציאָן נעהמט אַרום די יעניגע יודען, וועלכע זענען מסכים צום באַזע־
לער פּראָגראַם."

דערמיט האָט זיך פערענדיגט דער מחלוקת וועגען מזרח־אַפריקאַ און גלייכ־
צייטיג איז פעסטגעשטעלט געוואָרען לדור דורות, אַז דער ווירקונגס־קרייז פון'ם
ציוניזמוס איז נאָר פּאַלעסטינאַ און איהרע שכנות־לענדער.

די ענטוויקלונג פון דער ארגאניזאציאן זייט הערצל'ס טויט.

ביז צום זיבענטען קאָנגרעס האָט זיך די אָרגאַניזאַציאָן נישט געקענט גע־
פינען אין די פערענדערטע סיטואַציע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען דורך הערצל'ס
טויט. די אויפרעגונג, וועלכע איז ענטשטאַנען דורך דעם אוגאַנדאַ־מחלוקת האָט
נישט געלאָזט אַזוי גיך קומען צו קיין אָרדנונג אין דער אָרגאַניזאַציאָן. אָבער זייט
דעם זיבענטען קאָנגרעס האָט דער ציוניזמוס ווידער אַן'איינהייטליך פּראָגראַם
און אַ פעסטע פיהרונג וועלכע מאַכען איהם מעגליך כסדר צו פּראָגרעסירען. דער
אוגאַנדאַ־מחלוקת און דער טויט פון דעם פיהרער האָט אויף די פראַגע געשטעלט
די קראַפט פון די ציוניסטישע בעוועגונג, און זי איז גלענצענד איבערגעקומען דיזע
פּראָבע. דערמיט, וואָס די ציוניסטישע בעוועגונג האָט געקענט אָבוועהרען אַלע
אַנגריפען געגען דעם פּאַלעסטינער פּראָגראַם, און אויך דאָס וואָס זי קאָן היינט
אין אַ קורצער צייט לפי ערך נאָך הערצל'ס טויט, ווייטער מוטהיג געהען איהר
אייגענעם וועג צום ציעל — דאָס איז דער בעסטער בעווייז פון דער גרויסער מאַכט
פון דער ציוניסטישער אידעע און אויך פון דער אינערער שטאַרקקייט פון דער
ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן.

די פראַגע וועגען פּראַקטישע אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ איז פּראָגראַמאַטיש
געלעזט געוואָרען נאָך פאַר הערצל'ס טויט. שוין דער זעקסטער קאָנגרעס איז גע־
קומען צו דער ערקענטניס, אַז עס איז נויטיג פּאַלעסטינאַ גרינדליך צו ערפאָרשען.
ער האָט בעשלאָסען אויסצוקלייבען אַ פּאַלעסטינאַ־קאָמיסיע, וועלכע האָט בעקומען
צווישען אַנדערע פאָלגענדע אויפגאַבען:

1. די וויסענשאַפטליכע און פּראַקטישע ערפאָרשונג פון פּאַלעסטינאַ און איהר סביבה אין ווירטשאַפטליכער, טעכנישער, יורידישער און געאָגראַפישער בעציהונג.
2. די שאַפונג פון פערזוכס סטאַנציעס פאַר אַגראָנאָמישע און טעכנישע פאָרשונגען.
3. די שאַפונג פון לאַנד־ווירטשאַפטליכע און טעכנישע אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ'ס, וועלכע דאַרפען געבען אויסקונפט איבער דעם מקח און די גאַטונג פון דער ערד, איבער פערדיענסט און אינדוסטריע פערהעלטניסע.
4. די שאַפונג פון אַ פריזונגס־סטאַציע צום צוועק פון סטודירען און בעקעמפפען די עפּידעמישע (מגיפה) און אַנשטעקיגע קראַנקהייטען.

5. אַרויסגעבען אַ זשורנאַל פֿאַר פּאַלעסטינאַ פֿאָרשונג, וועלכער זאָל אויך בעריקזיכטיגען די לעבענס פֿערהעלטניסע אין די יודישע קאָלאָניען אין פּאַלעסטינאַ און אין די סביבה־לענדער.

עס האָט זיך דאַן וואָס אַ מאָל מעהר ענטוויקעלט די אַנשויאונג, אַז די שטאַרקונג פֿון די יודישע פּאָזיציע אין פּאַלעסטינאַ איז אַ וועזענטליכער מיטעל פֿאַר די ציוניסטישע פּאָליטיק. דער זיעבענטער קאָנגרעס האָט דאָס אויסגעדריקט אין פֿאָלגענדע פּרינציפּיעלע החלטות—אָנצייכענדיג גלייכצייטיג די גרענצען פֿאַר די ציוניסטישע טעטיגקייט אין פּאַלעסטינאַ — :

דער זיעבענטער ציוניסטען־קאָנגרעס בעשליעסט, אַז פּאַראַלעל מיט דער פּאָליטיש דיפּלאָמאַטישער טעטיגקייט איז נויטיג אַלס אַ רעאַלער יסוד און כדי זי צו שטיצען די סיסטעמאַטישע פֿערשטאַרקונג פֿון די יודישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינאַ, ענטשפּרעכענד דעם פּונקט 1 פֿון דעם באַזעלער פּראָגראַם. דאָס דאַרף געשעהען דורך פֿאָלגענדע מיטעלן:

1. אַלזייטיגע ערפֿאָרשונגס־אַרבייט;
2. שטיצונג פֿאַר אַגריקולטור (לאַנדווירטשאַפֿטליכע קולטור), אינדוסטריע א. ז. וו. אין אַ ווי ווייט מעגליך דעמאָקראַטישען גייסט;
3. קולטורעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן און שטיצען די פּאַלעסטינישע יודען דורך די אויסבילדונג פֿון נייע גייסטיגע קרעפֿטען;
4. שטרעבען צו אַ רעפֿאָרם פֿון דער אַדמיניסטראַציע און פֿון רעכט, וועלכע זענען נויטיג פֿאַר די ענטוויקלונג פּאַלעסטינאַ'ס. דער זיעבענטער קאָנגרעס לעהנט אָב יעדוועדע פּלאַנלאָזע, אונסיסטעמאַטישע און פֿילאַנטראָפּישע קליינקאָלאָניזאַציאָן, וועלכע ליעגט נישט אין ראַהמען פֿון פּונקט 1 פֿון באַזעלער פּראָגראַם.

* *
*

די פּאָליטיק פֿונ'ם אַקציאָנס־קאָמיטע, בראש פֿון וועלכען עס שטעהט יעצט הױד וואָלפֿזאָהן, אַ נאָהנטער פֿריינד פֿונ'ם פֿערשטאָרבענעם פֿיהרער, בעוועגט זיך היינט אין דער ריכטונג, וועלכע איז בעשטימט געוואָרען פֿונ'ם זיעבענטען קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט פֿעסט אונטערגעשטראָכען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האַלט זיך שטרענג אָן דעם באַזעלער פּראָגראַם, וועלכעס זעהט די לעזונג פֿון דער יודען־פֿראַגע נאָר אין דער שאַפֿונג פֿון אַ עפֿענטליך־רעכטליך געזיכערטע היים פֿאַר'ן יודישען פֿאָלק אין פּאַלעסטינאַ, און ענטזאַגט זיך פֿון יעדוועדער לעזונג, וועלכע זוכט אַנ'אַנדער טעריטאָריום, אײדער פּאַלעסטינאַ און איהרע סביבה־לענדער. אויספֿיהרענדיג דיזע בעשליסע, האָט זיך דאָס אַקציאָנס־קאָמיטע בעמיהט צו דערהאַלטען דעם פּאָליטישען כאַראַקטער פֿון דער בעוועגונג און דערביי צו אונטערשטיצען אַלע אונטערנעהמונגען אין פּאַלעסטינאַ, וועלכע זענען געבויט אויף אַ געזונדען יסוד, און קענען נוצען דעם ציוניזמוס און דעם לאַנד. די פֿערשיעדענע פּאָליטישע בעציהונגען, וועלכע עס האָט אַנגעקניפּט דער בעגרינדער פֿון דער בעוועגונג, האָט דאָס אַקציאָנס־קאָמיטע ווייטער געפֿיהרט. בעזונדערס האָט זיך דאָס אַקציאָנס־קאָמיטע מיה געגעבען, צו ווירקען ביי די מאַסגעבענדע פֿאַקטאָרען, דאָס די מעכטע זאָלען זיך פֿערנעהמען מיט דער ציוניסטישער פֿראַגע, און אַז דיזע פֿראַגע זאָל ווערען

אַנ׳אָבּיעֶקט פֿוּן אַנ׳אִינטעֶרנאַציאָנאַלעֶן מֵיינוּנגס אוֹיסבּײַט. דִיזעֶ בּעֶמִיהוּנגעֶן װעֶרעֶן אוֹיךְ אִיצט מִיט התמדה װײַטעֶר געֶפִֿיהרט.

דאָס נײַעֶ אַקציאָנס־קאָמִיטעֶ האָט אוּנטעֶר דאָפּעֶלט שװעֶרִיגעֶ פֿעֶרהעֶלטנִיסעֶ אִיבּעֶרנוּמעֶן דִי ירוּשה פֿוּן טהעֶאָדאָר העֶרצל: אִיבּעֶר דִי רוּסִישעֶ יוּדעֶן אִיז אוֹיסגעֶבּראָכעֶן דִי מוֹרא׳דִיגעֶ קאַטאַסטראָפֿעֶ פֿוּן דִי פּאָגראָמעֶן. דִי ציוֹנִיסטִישעֶ אָרגאַנִיזאַציאָן האָט געֶשטעֶלט אִיהר גאַנצעֶ קראַפֿט אִין דעֶם דִיענסט אוּם צוּ העֶלפֿעֶן דִי פֿעֶראוּנגלִיקטעֶ. דאָס אַקציאָנס־קאָמִיטעֶ האָט אֵיינבּעֶרוּפֿעֶן נאָךְ בּרִיסעֶל אַ קאָנפֿעֶרעֶנץ פֿוּן דִי יוּדִישעֶ אָרגאַנִיזאַציעֶס, אוּם צוּ דעֶרגרײַכעֶן אַ גלײַכעֶ אַקציאָן לטובת דִי רוּסִישעֶ יוּדעֶן. אוֹיף דִי קאָנפֿעֶרעֶנץ זעֶנעֶן געֶקוּמעֶן 80 דעֶלעֶגִירטעֶ פֿוּן פֿעֶרשִידעֶנעֶ יוּדִישעֶ אָרגאַנִיזאַציעֶס. נאָכדעֶם װִי ס׳אִיז אִין רוּסלאַנד נאָךְ דִי מוֹרא׳דִיגעֶ קאַטאַסטראָפֿעֶן אֵיינגעֶטרעֶטעֶן לפי ערך רוּהעֶ, האָבּעֶן זִיךְ דִי ציוֹנִיסטעֶן אוּמעֶטוּם װִידעֶר געֶנוּמעֶן מִיט אַ פֿוּלעֶר עֶנעֶרגִיעֶ צוּ דעֶר ציוֹנִיסטִישעֶר אַגִיטאַציאָנס־אַרבּײַט.

דִי פּאַלעֶסטִינאַ־אַרבּײַט.

מעֶהר װִי יעֶמאָלס געֶהט אִיצט אַ פֿרִישעֶר צוּג דוּרךְ דִי רײַהעֶן, װעֶלכעֶ װאַקסעֶן אוּן שטאַרקעֶן זִיךְ. דִי לִיעֶבּעֶ צוּ פּאַלעֶסטִינאַ האָט נאָךְ קײנמאָל נִישט דעֶרגרײַכט אַזאַ קראַפֿט װִי גראַדעֶ אִין דִי לעֶצטעֶ צײַט. דִי עֶמִיגראַציאָן אִין דאָס אַלטעֶ הײמאַט־לאַנד פֿעֶרגרעֶסעֶרט זִיךְ פֿוּן טאָג צוּ טאָג. דִי יוּגעֶנד אָרגאַנִיזִירט פּיאָנעֶרעֶן פֿאַר פּאַלעֶסטִינאַ, אוּם דאָרט צוּ אַרבּײַטעֶן אַלס קאָלאָנִיסטעֶן. פֿוּן דִי קרײַזעֶן פֿוּן דעֶר יוּדִישעֶר אִינטעֶלִיגעֶנץ בּעֶזעֶצעֶן זִיךְ טִיכטִיגעֶ קרעֶפֿטעֶן אִינ׳ם לאַנד. קִינסטלעֶר גרִינדעֶן אַנשטאַלטעֶן, װעֶלכעֶ גרײַטעֶן אָן אַ װעֶג פֿאַר אַ לאָהנעֶנדעֶר אִינדוּסטרִיעֶ. אוּן אוּנזעֶר אָרגאַנִיזאַציאָן װײַזט אוּנז מִיט טוֹיזעֶנד צײַכעֶנס: דִי בּעֶצִיהוּנגעֶן צװִישעֶן ציוֹנִיזמוּס אוּן פּאַלעֶסטִינאַ זעֶנעֶן געֶװאָרעֶן אוּנצעֶרײַסבּאַר אוּן זײַ װעֶרעֶן טִיעֶפֿעֶר אוּן אִינִיגעֶר פֿוּן טאָג צוּ טאָג.

דעֶר יוּדִישעֶר אֵיינפֿלוּס אִין פּאַלעֶסטִינאַ האָט זִיךְ אִין דִי לעֶצטעֶ יאָהרעֶן אָהן אַ ספק בּעֶדײַטעֶנד פֿעֶרשטאַרקט. דִי קאָלאָנִיעֶן, װעֶמעֶס פּראָדוּקטעֶן האָבּעֶן הײַנט אַ זעֶהר גוּטעֶן רוּף, האָבּעֶן עֶנטװִיקעֶלט אַ יוּדִישעֶן פּוֹיעֶרן־שטאַנד אוּן אוֹיפֿגעֶצוֹיגעֶן אַ יוּנגעֶ געֶנעֶראַציעֶ, װעֶלכעֶ האָט אִיהר שוֹרש אִינ׳ם יוּדִישעֶן בּאָדעֶן, װעֶלכעֶ רעֶדט העֶבּרעֶאִיש אַלס מוּטעֶרשפּראַכעֶ פֿוּן דעֶר קִינדהײַט אָן. מוּסטעֶרהאַפֿטעֶ שוּלעֶן אוּנטעֶרשטִיצעֶן דעֶם פּראָגרעֶס פֿוּן דִי קוּלטוּרעֶלעֶ עֶנטװִיקלוּנג, אוּן אִינדוּסטרִיעֶלעֶ אוּן געֶװעֶרבּלִיכעֶ אוּנטעֶרנעֶהמוּנגעֶן װעֶקעֶן אַ נײַ אוּן מאָדעֶרן לעֶבּעֶן.

דעֶר פּאָלִיטִישעֶר ציוֹנִיזמוּס נעֶהמט אַ לעֶבּהאַפֿטעֶן אַנטהײל אִין דעֶם פּראָגרעֶס פֿוּן דִי יוּדעֶן אִין פּאַלעֶסטִינאַ. הגם עֶר אִיז פּראָגראַמאַטִיש געֶגעֶן דִי קלײנקאָלאָנִיזאַציאָן, װעֶלכעֶ עֶר בּעֶקעֶמפֿט זאָגאַר פּרִינצִיפּיעֶל, אוֹיבּ זִי טרעֶט אוֹיף אִין אַ פֿילאַנטראָפּישעֶר, אָדעֶר אִין אַ פּלאַנלאָז־לײַכטזִינִיגעֶר פֿאָרם — בּעֶמִיהט עֶר זִיךְ דאָךְ פֿוּן דעֶר אַנדעֶרעֶר זײַט, צוּ שאַפֿעֶן דִי װִיסעֶנשאַפֿטלִיכעֶ אוּן פּראַקטִישעֶ יסודות, װעֶלכעֶ זאָלעֶן אָנרעֶגעֶן דעֶם יוּדִישעֶן אוּנטעֶרנעֶהמוּנגס־גײַסט, אָדעֶר אוֹיךְ עֶרלײַכטעֶרן דִי גרוֹיסעֶ קאָלאָנִיזאַציאָן, װעֶן עֶס װעֶט קוּמעֶן דִי צײַט, װאוּ דִי ציוֹנִיסטעֶן װעֶלעֶן שוֹין האָבּעֶן דעֶרגרײַכט דִי געֶװוּנשעֶנעֶ קאָנצעֶסיעֶס. דִי פֿוֹנ׳ם זעֶקסטעֶן

ציוניסטען-קאנגרעס אויסגעקליבענע פאלעסטינא-קאמיסיע (פראפעססאר א. ווארבורג, פראנץ אפפענהיימער און ד"ר סאסקין) האט קודם ארויסגעגעבען א וויסענשאפטליכען ארגאן „אלטניילאנד", אין וועלכען עס ווערען בעהאנדעלט אלע געאלאגישע, אגרי-קולטורעלע, טעכנישע און האנדעלס פראגען. א חוץ דעם האט זי אויך אויסגעפיהרט א רייהע פראקטישע אונטערזוכונגס-ארבייטען אין פאלעסטינא גופא, וועלכע האבען געבראכט א זעהר ווערטפולען ערפאלג. אין דער לעצטער צייט האט די פאלעסטינא-קאמיסיאן געשאפען איינגע זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציעס, וועלכע וועלען דיענען דער אונטערשטיצונג פון די אינדוסטריעלע און לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעהמונגען אין פאלעסטינא. (וועגען דעם לעז אויך אין דער ביילאגע).

דא דארף מען נאך דערמאנען, אז זייט דעם זיעבענטען קאנגרעס זענען אויך אריינגענומען געווארען אין די ציוניסטישע פלאנען די לענדער, וואס ליעגען אין דער סביבה פון פאלעסטינא. דאס איז צוליעב דעם, ווייל פון איין זייט וואלט דאס זעהר גוט געווען פאר א קינפטיגע, יודישע מלוכה'שאפט אין פאלעסטינא, צו האבען א שטיצע אין די שכנות'דיגע יודישע קאלאניעס, און פון דער אנדערער זייט ווערט דער נאהענטער מזרח היינט א זעהר וויכטיגער פאקטאר פאר די יודישע מאסען-עמיגראציאן, וואס מעהר די לענדער פון יענער זייט אקעאן שליעסען זיך צו פאר איהר. דאס אבפיהרען דעם יודישען עמיגראנטען-שטראם אין די נאהענטע מזרח לענדער (ארום פאלעסטינא) צו ארדנען סיסטעמאטיש און צוועקדיענליך, איז די אויפגאבע פון די אינפארמאציאנס-ביורא'ס, וועלכע זענען אין דער לעצטער צייט געשאפען געווארען אין פאלעסטינא.

דער איינפלוס פונ'ם ציוניזמוס אויף די ענטוויקלונג פונ'ם יודישען לעבען.

מיר האבען שוין דערמאנט, אז אזא ראדיקאלע יודישע בעוועגונג מיט הונדערטער טויזענדער אנהענגער ווי דאס שטעלט פאר דער ציוניזמוס, מוז, אויף דעם וועג צו דעם גרויסען נאציאנאלען ציעל, וועלכער איז די גרינדונג פון א היים פאר די יודען אין פאלעסטינא, זיך אויף יעדען שריט בעגעגנען מיט דעם יודישען לעבען אין גלות. מיר האלטען עס דעריבער נישט פאר אונוויכטיג, אנצואווייזען וועניגסטענס אויף די פרינציפיעלע מאמענטען, ווען דער ציוניזמוס האט משפיע געוועזען אויף דאס היינטיגע יודענטום.

ווער עס קוקט אהן פאראורטיילען אויף די ערשיינונגען פונ'ם לעבען, דעם וועט אוודאי נישט פערבארגען בלייבען די געוואלטיגע איבערענדערונג אינ'ם יודענטום אין דעם לעצטען צעהנדליג יאהר. דיזע איבערענדערונג איז, אויב נישט אין גאנצען, טא דאך צום גרעסטען טייל די פעולה פונ'ם ציוניזמוס.

נאר דעם ציוניזמוס האט מען דאס צו פערדאנקען, וואס די צבוע'שע, פחדנ'שע און פערקעהרטע בעהאנדלונג פון דער יודענפראגע האט פלאץ געמאכט דעם אפענעם, עהרליכען און אפט זאגאר ביי די אנטיסעמיטען זאכליכען אופן. דער שוימעוודיגער טיפ פונ'ם „איזראעליט" איז שוין פערשוואונדען וועניגסטענס פון דער פאליטישער וועלט. דיזער אפענער און עהרליכער גייסט איז איינגעפלאנצט געווארען אין

אַלֶע יודישֶע אָרגאַניזאַציעֶס און מיר האָבּעֶן הֶעריבּער היינט אַ בּעֶדייטעֶנד מעֶהר עֶנטשידעֶנעֶ פֿעֶרטרעֶטונג פֿון די כּלל אינטערעֶסעֶן פֿונ'ם יודעֶנטום. דאָס האָט זיך אין דער לעֶצטעֶר צייט פּראַקטיש אַרויסגעֶוויזעֶן בּעֶזונדעֶרס בּיי די מוֹרא'דיגעֶ רוסישעֶ קאַטאַסטראָפֿעֶן. אויך די אַלגעֶמיינעֶ יודישעֶ אינסטיטוציעֶס זעֶנעֶן אַ דאַנק דעֶר קריטיק און דעֶם בּיישפּיעל פֿון די ציוניסטעֶן אָפֿטמאָל טיעֶפֿעֶר אַריינגעֶדרונגעֶן אין די אינעֶרעֶ יודישעֶ ענינים. די פֿריהעֶרדיגעֶ צדקה-פּאָליטיק, וועֶלכֶע האָט פּשוט געֶשאַפֿעֶן אַ קלאַס פֿון צדקה-געֶבּעֶרס און אַ קלאַס פֿון שנאָרעֶר'ס, איז היינט איבּעֶר-עֶנדעֶרט געֶוואָרעֶן אין סאָציאַל-פּאָליטיק, וועֶלכֶע טהוט אויך וועֶהר פֿיעל גוטס אויף דעֶם געֶבּיעט פֿון עֶרציעהונג, עֶמיגראַציאָן און קאָלאָניזאַציאָן — יעֶדעֶנפֿאַלס היינט אַ סך מעֶהר, איידעֶר בּיז נישט לאַנג. די יודישעֶ פֿעֶרטרעֶטונגעֶן בּעֶפֿרייעֶן זיך בּיסלעֶכוויז פֿון דעֶם טעות, אַז די יודישעֶ צרות זעֶנעֶן נאָר אַ צייטליכֶע אָדעֶר אָרטיגעֶ עֶרשיינונג, און זיי קומעֶן צו דעֶר איבּעֶרצייגונג, אַז די פֿראַגעֶ איז אַ וועֶלט-פֿראַגעֶ, וועֶלכֶע קאָן געֶלעֶזט ווערעֶן נאָר דורך ראַדיקאַלעֶ און גרויסעֶ מיטלעֶן. אַ דאַנק די בּעֶמיהונגעֶן פֿון די ציוניסטעֶן, וועֶלכֶע האָבּעֶן אָנגעֶפֿאַנגעֶן אַ קאַמפֿף אום צו עֶראָבּעֶרעֶן די קהל-שטובּעֶן, האָבּעֶן די יודישעֶ געֶמיינדעֶן אָנגעֶפֿאַנגעֶן מגלגל ווערעֶן פֿון מאַשינעֶנמעֶסיגעֶ קולטוספֿעֶרטרעֶטונגעֶן אין לעֶבּעֶדיגעֶ יודישעֶ קעֶרפּעֶר-שאַפֿטעֶן. דאָס אַלץ, הגם עֶס איז שוין אַ געֶוואַלטיגעֶר פּראָגרעֶס קעֶגעֶן דעֶם וואָס ס'איז פֿריהעֶר געֶוועֶן, האָט אָבּעֶר נאָר אין אַ בּעֶדייטעֶנדעֶן מאָס די פֿעֶהיגקייט זיך צו פֿעֶרבּעֶסעֶרעֶן. אָבּעֶר דאָס מוז מעֶן שוין היינט מוֹדה זיין, אַז אונטעֶר די השפּעה פֿונ'ם ציוניזמוס און פֿון זיין קריטיק האָט זיך אינ'ם יודעֶנטום אַרויסגעֶבּילדעֶט די עֶפֿעֶנטליכֶע מיינונג, וועֶלכֶע לאָזט שוין נישט געֶהן צוריק נאָר פֿאָרווערטס.

אויך די אַלגעֶמיינעֶ יודישעֶ פּרעֶסעֶ איז דורכ'ן ציוניזמוס בּעֶרייכֶערט און פֿעֶרשטאַרקט געֶוואָרעֶן. וואָרום דעֶר ציוניזמוס האָט איהר פֿאָרגעֶלעֶגט גרויסעֶ פּראָבּלעֶמעֶן און האָט זי יעֶדעֶס מאָל פֿונ'ס ניי אָנגעֶרעֶגט.

עֶס וואָלט אונז צו וויט געֶפֿיהרט, ווען מיר זאָלעֶן וועֶלעֶן אפילו נאָר אין גרויסעֶ שטריכֶעֶן אָנצייכֶנעֶן ווי טיעף דעֶר ציוניזמוס האָט געֶווירקט בּפרט אויף דאָס קולטורעֶלעֶן לעֶבּעֶן פֿון די יודעֶן. די יודישעֶ ליטעֶראַטור אין דעֶר העֶבּרעֶאישעֶר און יודישעֶר שפּראַכֶע ווי אויך אין די אַנדעֶרעֶ אייראָפּעֶאישעֶ האָט אונטעֶר דעֶם איינפֿלוס פֿונ'ם ציוניזמוס זיך געֶוואַלטיג עֶנטוויקעֶלט — און נישט בּלויז דאָס שאַפֿעֶן, נאָר אויך דאָס פּלעֶגעֶן און דאָס אָבּשאַצעֶן דאָס געֶשאַפֿעֶנעֶ. נאָר דעֶם ציוניזמוס דאַרף מעֶן דאַנקעֶן, אַז אויך אויפֿ'ן גייסטיגעֶן געֶבּיעט זעֶנעֶן געֶלעֶגט געֶוואָרעֶן בּריקעֶן צווישעֶן מזרח און מערב, אַז די בּעֶדייטעֶנדעֶ שעֶפּפֿונגעֶן פֿון די מזרח-יודעֶן זעֶנעֶן צוגעֶקומעֶן צו די מערב-יודעֶן. זאַמלונגעֶן, פֿעֶרלאַגס-אַנשטאַלטעֶן א. ז. וו. פֿאַר מאָדעֶרנעֶ יודישעֶ קינסטלעֶר און דיכֿטעֶר זעֶנעֶן געֶשאַפֿעֶן געֶוואָרעֶן, קולטורעֶלעֶ אונטעֶרנעֶהמונגעֶן פֿון פֿעֶרשידעֶנעֶר אַרט זעֶנעֶן עֶנטשטאַנעֶן, דאָס געֶבּיעט פֿון דעֶר יודישעֶר קונסט איז אַזוי צו זאָגעֶן עֶרשט עֶנטדעֶקט געֶוואָרעֶן און פֿאָרגעֶפֿיהרט פֿאַר דעֶר יודישעֶר און נישט-יודישעֶר עֶפֿעֶנטליכֿקייט. אויך די יודישעֶ פּובּליציס-טיק האָט זיך בּעֶדייטעֶנד עֶנטוויקעֶלט. דאָס עֶרציעהונגס-און בּילדונגס-וועֶזעֶן האָט בּעֶקומעֶן אַ גאַנצעֶ רייהעֶ נייעֶ אַנשטאַלטעֶן: יודישעֶ שולעֶן, אַזוינעֶרופֿעֶנעֶ טאָינ-בּיהאַלעֶן (וואו מעֶן האַלט פֿאָרטרעֶגעֶ פֿאַר'ן פֿאָלק), בּיבּליאָטעֶקעֶן א. ד. גל. זעֶנעֶן הונדעֶרטעֶר וויז פֿון ציוניסטעֶן געֶשאַפֿעֶן געֶוואָרעֶן.

אויף אויף דאָס געזעלשאַפֿטליכֿע יודישע לעבען האָט דער ציוניזמוס שטאַרק משפיע געוועזען. דורך פֿערשידענע נאַציאָנאַלע איינריכֿטונגען און אויך דורך דאָס אויפֿפֿרישען די אַלטע נאַציאָנאַלע ימים-טובים, איז דאָס געזעלשאַפֿטליכֿע יודישע לעבען, וועלכֿעס האָט אין פֿערשידענע אָרטען שוין געהאַט אין גאַנצען אויפֿגעהערט, אויפֿ'ס ניי געשטאַרקט און פֿעראינערליכֿט געוואָרען.

דעם ציוניזמוס דאַרף מען עס אויך צושרייבען, וואָס עס האָט זיך הערצענטליך פֿערענדערט דאָס בענעמען און דאָס פֿערהעלטניס בנוגע צו די פֿערטרעטונג פֿון די פּאָליטישע רעכֿט פֿון די יודען אין די איינצעלנע לענדער. אַ דאַנק דעם ציוניזמוס איז אומעטום, בעזונדערס אין עסטרייך און רוסלאַנד, אינ'ם פּאָליטישען לעבען אַרויסגעטראָטען אַ בעוואוסטער יודישער עלעמענט, אָנשטאָט דעם פֿריהערדיגען בעהאַלטען זיך הינטער אַנדערע פּאַרטייען און אַנדערע נאַציאָנען. מיר זעהען ציוניסטען אין די פּאַרלאַמענטען מיט ערפֿאָלג פֿערטרעטען דאָס נאַציאָנאַלע יודישע פּרינציפּ, און אין דער לעצטער צייט זעהט מען, אַז אויך נישט-יודען אַנערקענען דיזען פּרינציפּ אינ'ם פּאָליטישען און בכלל אינ'ם עפֿענטליכֿען לעבען.

אַ בעזונדער שעהנע ערשיינונג איז די פּעולה וועלכֿע דער ציוניזמוס האָט געהאַט אויף די יודישע אַרבייטער. די פּועלי ציון בעוועגונג האָט אַרומגענומען גרויסע שיכֿטען פֿון יודישע פּראָלעטאַריער, וועלכֿע פֿעראייניגען דאָס אידעאַל פֿונ'ם סאָציאַליזמוס מיט דעם ציוניזמוס אין איין האַרמאָנישע סינטהעזע. דאַדורך איז דער יודישער אַרבייטער-שטאַנד בעפֿרייט געוואָרען פֿון די פֿערניינענדע און אַסימילירענדע טענדענציעס און פֿאַר די נויטיגע פֿערטרעטונג פֿון די ספּעציפֿיש יודישע אַרבייטער-אינטערעסען איז געשאַפֿען געוואָרען אַ ברייטע באַזיס. די פּועלי ציון-בעוועגונג, בעזונדערס אין עסטרייך, רוסלאַנד און אַמעריקאַ, פֿערברייטערט זיך וואָס אַ מאָל מעהר און ווערט אויך אינערליך שטאַרקער.

לסוף איז אויך דאָס אַ בעזונדער פֿערדיענסט פֿונ'ם ציוניזמוס, וועלכֿעס עס ווענען גלייך מודה די פֿריינד און די געגנער, אַז ער האָט געהאַט אַ טיעפֿע און פֿרוכֿטבאַרע פּעולה אויף די אויסבילדונג פֿונ'ם מאָראַלישען כֿאַראַקטער אינערהאַלב דעם יודענטום. דורך זיין מוטיגען און אָפֿענעם נאַציאָנאַלען אַרויסטרעטען האָט ער דערהויכֿט דעם שטאָלץ, דעם מוטה, דאָס זעלבסטצוטרויען, אָבער אויך דאָס פּליכֿטגעפֿיהל פֿון דעם יודישען אינדיווידואום אַקעגען דעם יודישען כלל. און די פּרינציפּען פֿון זעלבסטהילף און זעלבסטשוץ (וואָס פֿאַר אַ גרויסע טהאַטען האָט די זעלבסטשוץ בעוויזען אין די פּאָגראָם-צייטען!) זענען נאָר אַ פּעולה פֿון די ציוניסטישע אַנשויאונגס-מעטאָדע: פֿאַר'ן פֿאָלק — דורכ'ן פֿאָלק.

* *
*

מיר זענען געקומען צום סוף פֿון אונזערע קורצע בעטראַכֿטונגען. די צעהן יאָהר ציוניזמוס — דאָס האָבען מיר דאָ געזעהען — זענען געווען אַ צייט פֿון וואונדערפֿולע האָפֿנונגען, פֿון שווערע טרחות, גרויסע קעמפּפֿע — אָבער אויך אַ צייט פֿון אַ גרויסען רצון און ווייט גרייכֿענדע ערפֿאָלגען. אַ יאָהר-צעהנט פֿון היסטאָרישע בעדייטונג. עס האָט די יודען געפֿיהרט פֿאָרווערטס און זיי העכֿער געבראַכֿט אויף אַ אונגערעכֿטען אופֿ'ן. נעהנטער, שוין אַ סך נעהנטער ווינקט דאָס גרויסע ציעל. הלואי זאָלען די קומענדיגע צייטען פֿונ'ם ציוניזמוס ווערדיג זיין זיין ערשטעס יאָהרצעהנט!

ביילאגע.

דער יודישער נאציאנאלפאנד.

מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט זיין צוועק: פון די געלדער פונ׳ם נאַציאָ־נאַל־פאָנד דאַרף געקויפט ווערען ערד אין פאַלעסטינא און אין די סביבה־לענדער, וועלכע בלייבט דאַן אַנ׳איינגענטום פונ׳ם יודישען פאָלק.

ווען עס וועט צוקומען איין שטיק צום צווייטען נאַציאָנאַל־פאָנד־ערד, ווען עס וועט צוקומען אַ קאָלאָניע נאָך אַ קאָלאָניע, אַזוי אַז דאָס אַלטע היימאַטלאַנד וועט ביסלעכווייז איבערגעהען אין יודישען בעזיץ — דאַן וועט זיך די וועלט ערשט הידוש׳ן וואָס פאַר אַ גרויסער בנין עס איז בעשאַפען געוואָרען פון די קליינע אַנ־פאַנגען, און אַלץ דורך די איינענע קראַפט. דורך די קלייַנסטע נדבות, וועלכע איינצעלנע מענשען געבען פאַר׳ן נאַציאָנאַלפאָנד, דורך דאָס צוזאַמענאַרבייטען פון הונדערטער טויזענדער ווערט געשאַפען אַ גרויס ווערק: די ווידער־אויפלעבונג פון דעם פאָלק, וועלכעס האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געהאַט קיין איינענעם באָדען אונטער די פיס.

דער גרונדגעדאַנק פונ׳ם נאַציאָנאַלפאָנד איז, אַז אַלע יודען, יעמען עס איז נאָך טהייער דאָס יודענטום, זאָלען אימער און אומעטום לויט זייער פערמעגען עטוואָס צו שטייער געבען צו דעם נאַציאָנאַלפאָנד, כדי ער זאָל אַמאָל ווערען אַ גרויסעס און דויערענדעס הילפס־ווערק פאַר׳ן יודישען פאָלק. קיינער נישט, קיין רייכער און נישט קיין אָרימאַן טאָר נישט אויסגעשלאָסען ווערען עטוואָס צו שטייער צו געבען צו דיזען פאָנד, און קיינער טאָר זיך אויך נישט אַליין אויסשליסען פון דעם הוב. אומעטום, וואו עס וואָהנען יודען מוז דער נאַציאָנאַלפאָנד ווערען צו אַ כלל זאַך פונ׳ם גאַנצען פאָלק, פאַר וועלכער אַ יעדער איז מחויב צו אַרבייטען לויט זיינע קרעפטען. קליין און גרויס, יונג און אַלט מוזען וויסען, אַז ס׳איז דאָ אַ גרויסער יודישער צוועק, פאַר וועלכען זיי מוזען אַלע אַרבייטען. דער נאָמען און דער צוועק פון דעם נאַציאָנאַלפאָנד דאַרף אַלע יודען בעקאַנט ווערען. עס דאַרף זיין אַ יעדענ׳ס איבערצייגונג, אַז פאַר׳ן נאַציאָנאַלפאָנד גיט ער נישט גלאַט אַזוי אַ נדבה, נאָר ער בעצאָהלט אַ מאָראַלישען הוב.

אַזוי האָט געדענקט וועגען דעם וועזען פון נאַציאָנאַלפאָנד המנוח פראָפעסאָר שאַפּירא פון הײַדעלבערג, וועלכער האָט אויף דעם ערשטען ציוניסטען קאָנגרעס (1897) פאָרגעלעגט די גרינדונג פון נאַצ. פאָנד. געשאַפען געוואָרען איז דער נאַ־ציאָנאַלפאָנד ערשט אויף דעם 5. קאָנגרעס (1901) און ערשט אין דער לעצטער צייט האָט ער בעקומען אַ יורידישע פאָרם.

זייט דעמאָלט איז דער נ. פ. געוואַקסען אויף אָנדערטהאַלבען מיליאָנען מאַרק, פון וועלכער סומע אַ טייל איז פערווענדעט געוואָרען פאַר ערד מקהים אין פאַלעסטינא.

ווי אזוי מען קאן זאמלען פארן נאציאנאלפאנד.

ביי יעדער געלעגנהייט, אויף התונות בריתן תנאים ביי עליות התורה א. ז. וו. דאַרף מען געבען און אויך פערלאַנגען ביי אַנדערע אַ קליינע שטייער פאַר׳ן נאַציאָ־

נאַלפֿאָנד. די בײַזאַהעריגע אָרגאַניזאַציאָן פֿונ׳ם נ. פֿ. שטיצט זיך דערויף, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון די הכנסות קומט פֿון די גאַנץ קליינע נדבות. כּדי צו ערלייכטערן די קליינע נדבות זענען געשאַפֿען געוואָרען

די נאַציאָנאַלפֿאָנד־מאַרקען.

וועלכע וועראָן פֿערקויפֿט אין יעדען לאַנד פֿאַר דעם קלענסטען געלד־שטיק. (1 קאָפּיקע, 1 קרייצער.) די מאַרקען וועראָן אויפֿגעקלעבט אויף בריעף, אויך וועראָן זיי פֿערווענדט אַנשטאַט טעלעגראַמען אויף התונות א. ז. וו.

די נ. פֿ. פושקעס.

אין די נ.־פֿ. פושקעס קאָן מען אַריינלעגען אפילו די קלענסטע נדבה. אַזעלכע פושקעס וועראָן פֿאַר די זאַמלער צוגעטיילט פֿון אַלע צענטראַל פֿערוואַלטונגען פֿון נאַציאָנאַלפֿאָנד (אין רוסלאַנד: די ראַיאָנער קאָמיטעטען; אין עסטרייך די דיסט־ריקטס־קאָמיטעטען). אומעטום, וואו עס פֿערקעהרען יודען, אין יודישע הייזער אין געשעפֿטען דאַרף זיך געפֿינען אַ נאַציאָנאַלפֿאָנד פושקע. פֿערשטעהט זיך, אַז מיט דער פושקע קאָן מען אויך זאַמלען אין בעזונדערע פֿאַלען.

די פושקעס וועראָן אויסגעליידיגט אין בעשטימטע צייטען אין דער געגענ־וואַרט פֿון אַ קאָמיסיע און דאָס געלד ווערט דאַן אויסגעוויזען אין די צייטונגען.

פֿאַר גרעסערע נדבות פֿאַר׳ן נאַציאָנאַלפֿאָנד,

איז געשאַפֿען געוואָרען

דאָס גאָלדענע בוך פֿונ׳ם נאַציאָנאַלפֿאָנד.

אין וועלכען עס וועראָן איינגעטראַגען איינצעלנע פּערזאָנען אָדער פֿעראיינען, וועל־כע גיבען אַ בעטראַג פֿון ווענינסטענס 10 פֿונט (240 קר.) און זיי בעקומען דערצו אַ קינסטלערישׁ אויסגעפֿיהרטעס געדענק־בלאַט. די מתנדבים האָבען דאָס רעכט איינ־צוטראַגען אין גאָלדענעם בוך וועמען זיי ווילען, אַ פּערזאָן, אַ פֿעראיין אָדער אַנ׳ אינסטיטוציאָן. דאָס גאָלדענע בוך ווערט מייסטענס בענוצט דערצו, אויך דאָרט איינצושרייבען בעריהמטע פּערזאָנען און קערפּערשאַפֿטען, וועלכע מען וויל דאַדורך אָבגעבען אַ כּבוד. דערביי שטיצט מען אויך גלייכצייטיג די נאַציאָנאַלע זאַך. דאָס גאָלדענע בוך ווערט אויך בענוצט פֿון פֿעראיינען, אום זיך גופא איינצושרייבען, כּדי צו בעווייזען, אַז די מיטגליעדער פֿונ׳ם פֿעראיין אַרבייטען פֿאַר׳ן נאַציאָנאַל־פֿאָנד.

די צווייטע מעגליכקייט פֿאַר גרעסערע נדבות זענען אויך די

זאַמעל בויגען׳ס.

די זאַמעל־בויגען׳ס וועראָן אַרויסגעגעבען פֿון די לאַנדעסצענטראַלען, זיי זענען איינגעפֿיהרט נאָך אַ בעשטימטען סיסטעם, אַזוי אַז מען קאָן זיי לייכט קאָנטראָ־לירען. אויף די זאַמעל־בויגען׳ס ווערט פֿערשריבען דער נאָמען פֿון יעדען מנדב. די לאַנדעס־צענטראַלען סטאַרען זיך דאַן, אַז די איינגעשיקטע נדבות זאָלען פּובלי־קירט וועראָן אין די צייטונגען. דער זאַמעל־בויגען איז גוט בעזונדערס ווען מען געהט זאַמלען פֿון הויז צו הויז צווישען די פֿערמעגליכערע קרייזען. אין דיזער פֿאָרם האָט ער זיך שוין בעוויזען אַלס זעהר ניצליך.

איינער פֿון די מעהר וועזענטליכע הכנסה-קוועלען פֿאַר'ן נאַציאָנאַלפֿאָנד דאַרף זיין די:

וע"ב בסט־בעשטייערונג:

זי שטיצט זיך אויף דעם מאָראַלישען יסוד, אַז די נדבות פֿאַר'ן נאַציאָנאַלפֿאָנד האָבען אַ גרעסערען ווערטה, וואָס מעהר זיי ווערען בעטראַכט אַלס אַ חוב וועלכען מען צאָהלט שטענדיג און פֿון איינענעם רצון. מאַטעריעל בעשטעהט דאָס סיסטעם פֿון זעלבסט בעשטייערונג אין דעם, אַז אַ יעדער גיעט אַ קליינעם פּראָצענט פֿון זיין מאָנאַטליכער הכנסה אַלס אַ שטייער פֿאַר'ן נאַציאָנאַלפֿאָנד. דיזעס סיסטעם איז ערשט נישט לאַנג איינגעפֿיהרט געוואָרען און עס האָט זיך שוין בעוויזען אַלס די בעסטע באַזע פֿאַר די נ.-פֿ.-הכנסות. צום בעסטען ווערט דיזעס סיסטעם אָרגאַניזירט אויף דעם אופֿן: עס בילדען זיך קליינע גרופּען פֿון זעלבסט-בעשטייערטע, פֿון צעהן אָדער מעהר פּערזאָנען, וועלכע צאָהלען יעדען מאָנאַט זייער שטייער דעם אָבמאַן פֿון דער גרופּע.

אַ בעדייטענדע קוועלע פֿאַר'ן נאַציאָנאַלפֿאָנד וואָלטען אויך געקענט זיין ירושות. מען דאַרף זעהען אומעטום אַגיטירען און אויפֿקלערען, אַז יעדער פֿערמעגליכער יוד זאָל אין זיין צוואָה געדענקען אויף דעם נאַציאָנאַלפֿאָנד.

נעבען דעם נאַציאָנאַלפֿאָנד עקזיסטירט אויך די אינסטיטוציאָן פֿון די

איילבוים־נדבות.

אונטער דיזען טיטעל ווערט געזאַמעלט צום צוועק פֿון פֿלאַנצען אין פּאַלעסטינאַ איילבוימער, אום די ערד נוצליך צו מאַכען פֿאַר די אינטערעסען פֿון דעם יודישען פֿאָלק. די קליינסטע נדבה פֿאַר די פֿלאַנצונג און דאָס פֿלעגען פֿון איין איילבוים איז 7 קראָנען — 6 מאַרק, 7 און אַ האַלב פֿראַנק — 3 רובעל. אויך דיזע זאַמלונגען האָבען געפֿונען אַ גרויסע סימפּאַטיע, און בילדען שוין היינט אַ וועזענטליכע שטיצע פֿאַר די טענדענצען פֿונ'ם נאַציאָנאַל-פֿאָנד.

די ארגאניזאציאן.

אַ יעדער אָרגאַניזירטער ציוניסט איז פֿערפּליכטעט יעהרליך צו בעצאָהלען דעם שקל. דער שקל איז בערעכענט לויט דעם מלוכה געלד אויף 1 מאַרק — 1 שילינג — 1 קראָנע 1 פֿראַנק — 40 קאָפּיקעס און ווערט איינקאַסירט פֿון די פֿערטרויענסמענער. יעדער שקל-צאָהלער בעקומט אַ שקל-קוויטונג, וועלכע גיעט איהם דאָס רעכט טיילצונעהמען אין דער וואַהל פֿון אַ דעלעגירטען צום ציוניסטען-קאָנגרעס. ביז אַהער זענען שוין געווען 7 ציוניסטען-קאָנגרעסען, איינער אין לאָנדאָן, די איבעריגע אין באַזעל.

פֿון אָנפֿאַנג האָבען יעדע הונדערט שקל-צאָהלער געוועהלט יעהרליך 1 דעלעגאַט. דאַן אָבער, ווען די צאָהל פֿון די שקל-צאָהלער איז געוואַקסען און דאַדורך אויך די צאָהל פֿון די דעלעגאַטען און די פֿאָרגרייטונגען צו די קאָנגרעסען האָבען יעדעס מאָל מעהר צייט פֿערנומען, איז אויף דעם 5. און 6. קאָנגרעס בעשלאָסען געוואָרען, אַז די קאָנגרעסען זאָלען אָבגעהאַלטען ווערען אַלע צוויי יאָהר און אַז דאָס רעכט צו וועהלען אַ דעלעגאַט זאָלען האָבען ערשט אַ גרופּע פֿון 200 שקל צאָהלער.

אִין יאָהר 1898 אִיז גֶעוועֶן 78000 אָרגאַנִיזִירטֶע צִיוֹנִיסטֶען, אִיצט אִיז דאָ 200000, אוֹיף אַזאַ אוֹפֿן האָט דִי צִיוֹנִיסטִישֶׁע אָרגאַנִיזאַציאָן אִיבֶּערגֶעיאָגט אַלֶע יוּדִישֶׁע אָרגאַנִיזאַציעֶס פֿוּן דעֶר וועֶלט. לוֹיט דעֶם אַנוואַקסעֶן פֿוּן דִי צאָהל פֿוּן דִי אַנהעֶנגעֶר האָט זִיךְ אוֹיךְ פֿעֶרגרעֶסעֶרט דִי צאָהל פֿוּן דִי קאָנגרעֶס-דעֶלעֶגאַטעֶן פֿוּן 204 אִין יאָהר 1897 (1-טעֶר קאָנגרעֶס) אוֹיף 650 אִין יאָהר 1903 (6-טעֶר קאָנגרעֶס) אוּן 800 אִין יאָהר 1905 (7-טעֶר קאָנגרעֶס). בּעֶזוּנדעֶרס דִי צווייִ לעֶצטעֶ קאָנגרעֶסעֶן האָבּעֶן צוּגעֶצוֹיגעֶן אַ סךְ געֶסט אוּן זשוּרנאַלִיסטעֶן קײַן בּאַזעֶל, אַזוֹי אַז דִי צאָהל פֿוּן דִי קאָנגרעֶס-טײַלנעֶהמעֶר אִיז געֶשׁטִיעֶגעֶן בִּיז 2500 אוּן דִי קאָנגרעֶסעֶן האָבּעֶן דאַדוּרךְ בּעֶקוּמעֶן דעֶם כאַראַקטעֶר פֿוּן אַלגעֶמײַנעֶ יוּדִישֶׁע פֿאָלקסטאַגעֶן.

דעֶר קאָנגרעֶס קלוֹיבּט אוֹיס פֿוּן דִי דעֶלעֶגִירטעֶ דאָס עֶנגעֶרעֶ אַקציאָנסקאָמִיטעֶ אוּן דאָס גרוֹיסעֶ אַקציאָנס-קאָמִיטעֶ. דאָס עֶנגעֶרעֶ אַקציאָנס-קאָמִיטעֶ דאַרף לוֹיט דִי בּעֶשׁלִיסעֶן פֿוּן דִי קאָנגרעֶסעֶן פֿיהרעֶן דִי לײַטוּנג פֿוּן דעֶר בּעֶוועֶגוּנג בִּיז צוּם נעֶכסטעֶן קאָנגרעֶס. פֿרִיהעֶר אִיז דאָס עֶנגעֶרעֶ א. ק. בּעֶשׁטאַנעֶן פֿוּן 5 מִיטגלִיעֶדעֶר, בּראֹש פֿוּן וועֶלכעֶ עֶס אִיז געֶשׁטאַנעֶן דעֶר שׁעֶפֿעֶר פֿוּן דעֶם הײַנטִיגעֶן פּאָלִיטִישׁעֶן צִיוֹנִיזמוּס, ד"ר טהעֶאָדאָר העֶרצל אִין ווִיעֶן. נאָךְ זײַן טוֹיט אִיז דעֶר זִיץ פֿוּנ'ם אַקציאָנס-קאָמִיטעֶ פֿעֶרלעֶגט געֶוואָרעֶן קײַן קעֶלן אַם רהײַן. פּרעֶזִידעֶנט פֿוּנ'ם עֶנגעֶרעֶן א. ק. אִיז דוד וואָלפֿזאָהן. דאָס עֶנגעֶרעֶ א. ק. מוּז בּײַ ווִיכטִיגעֶ ענינים צוּזאַמעֶנרוּפֿעֶן דאָס גרוֹיסעֶ א. ק. דאָס לעֶצטעֶ בּעֶשׁטעֶהט פֿוּן דִי פֿעֶרטרעֶטעֶר פֿוּן אַלעֶ לאַנדסמאַנשׁאַפֿטעֶן, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן פֿעֶרטרעֶטעֶן אוֹיפֿ'ן קאָנגרעֶס דוּרךְ דעֶלעֶגִירטעֶ, אוּן ווערט אוֹיךְ געֶוועֶהלט פֿוּנ'ם קאָנגרעֶס. דאָס גרוֹיסעֶ א. ק. האָט הײַנט 60 מִיטגלִיעֶדעֶר.

פֿאַר דִי פֿיהרוּנג פֿוּן דִי אָרגאַנִיזאַציאָנס-ענינים בִּילדעֶט דעֶר קאָנגרעֶס אַ שׁטעֶנדִיג בּיוּראָ, וועֶלכעֶס האָט דעֶם נאָמעֶן „צִיוֹנִיסטִישׁעֶס צעֶנטראַל בּיוּראָ“ אוּן האָט זײַן זִיץ אִיצט אִין קעֶלן אוּבּיעֶררִינג נ. 23.

דִי צִיוֹנִיסטִישׁעֶ אָרגאַנִיזאַציאָן גִיעֶט אַרוֹיס אַ צעֶנטראַלאָרגאַן „דִי וועֶלט“. פֿרִיהעֶר אִיז זִי עֶרשִׁיעֶנעֶן אִין ווִיעֶן, אִיצט אִין קעֶלן. אַ חוּץ דעֶם, עֶרשײַנעֶן כּמעט אִין אַלעֶ לעֶנדעֶר יוּדִישׁעֶ נאַציאָנאַלעֶ צײַטוּנגעֶן, צווִישׁעֶן דעֶם אוֹיךְ אײנִיגעֶ טאַגבּלעֶטעֶר. בּעֶזוּנדעֶרס פֿעֶרבּרײַטעֶט זעֶנעֶן דִי צִיוֹנִיסטִישׁעֶ בּלעֶטעֶר אִין העֶבּרעֶאִישׁעֶר אוּן אִין יוּדִישׁעֶר שׁפּראַכעֶ, אַ טײַל פֿוּן זײַ האָבּעֶן בִּיז 100000 לעֶזעֶר.

צוּ שׁטִיצעֶן דִי יוּדִישׁעֶ נאַציאָנאַלעֶ לִיטעֶראַטוּר אִיז אִין יאָהר 1902 געֶגרִינדעֶט געֶוואָרעֶן דעֶר „יוּדִישׁעֶר פֿעֶרלאַג“ (אִיצט אִין קעֶלן). דעֶר „יוּדִישׁעֶר פֿעֶרלאַג“ גִיעֶט אַרוֹיס ווערקעֶ פֿוּן אַ מאָדעֶרנעֶם יוּדִישׁעֶן אִינהאַלט. בּעֶזוּנדעֶרס האָבּעֶן זִיךְ אײַנגעֶגעֶבּעֶן דִי זאַמעֶל-ווערקעֶ ווִי דעֶר „יוּדִישׁעֶר אַלמאַנאַךְ“, „יוּדִישׁעֶר קִינסטלעֶר“ „יוּנגעֶ האַרפֿעֶן“, וועֶלכעֶ עֶרמעֶגלִיכעֶן אַ בּלִיק צוּ טהוּן אִין דִי מעֶכטִיגעֶ אוֹיפֿבּלִיהעֶנדעֶ, דִיכטעֶרִישׁעֶ אוּן ווִיסעֶנשׁאַפֿטלִיכעֶ פּראָדוּקציאָן אִינ'ם נאַציאָנאַל יוּדִישׁעֶן קרײַז, אַ פּראָדוּקציאָן, וועֶלכעֶ שׁאַפֿט אִין אַלעֶ קוּלטוּרשׁפּראַכעֶן, דעֶר עיקר אִין העֶבּרעֶאִישׁ אוּן אִין יוּדִישׁ.

דִי יוּדִישׁעֶ קאָלאָניאַלבּאַנק.

זִי דאַרף אַלס דאָס פֿינאַנציעֶלעֶ אִינסטרוּמעֶנט פֿוּן דעֶר בּעֶוועֶגוּנג אוּנטעֶרשׁטִיצעֶן פֿינאַנציעֶל אַלעֶ צִיוֹנִיסטִישׁעֶ בּעֶשׁטרעֶבּוּנגעֶן, וועֶלכעֶ ווערעֶן געֶמאַכט פֿאַר

די דערגרייכונג און פֿאַר דאָס שאַפֿען בעדינגונגען אין פּאַלעסטינאַ. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך דורך די שטאַטוטען פֿון דער באַנק בעוואָרענט איהר איינפֿלוס אויף די באַנק. אַנ׳אַנטהייל פֿון דער באַנק קאָסט 1 פֿונט (24 קראָנען), אַזוי אַז אַפילו אונפֿערמעגליכע מענשען קענען זיך ערווערבען אַנ׳אַקציע. אין אַ טהייל שטעדט עקזיסטירען אַזוי גערופֿענע „שער קלובען“ וואו מען קאָן זיך אויסצאָהלען אַזאַ אַקציע מיט קליינע ראַטען. ווייל די באַנק טאָר זיך לויט די סטאַטוטען נישט פֿערנעהמען מיט שפּעקולאַציאָנס-געשעפֿטען, דערפֿאַר קאָן זי נאָר פֿערטיילען לפי ערך קליינע דיווידענדען. אין לעצטען יאָהר האָט די דיווידענדע אויסגעמאַכט 2 און אַ האַלב פּראָצענט. אַ טאָכטער-געזעלשאַפֿט פֿון דער באַנק, די אַנגלאָ פּאַלעסטין-קאָמפּאַני אין יפו, ירושלים און ביירות, מיט אַ קאַפּיטאַל פֿון 1 מיליאָן מאַרק אונטערשטיצט די בעזונדערע צוועקען פֿון דער באַנק אין פּאַלעסטינאַ. זי טראַכט קודם כל צו שטיצען דעם יודישען קרעדיט און די יודישע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען אין פּאַלעסטינאַ.

דער זיץ פֿון דער באַנק איז לאָנדאָן. דער נאָמען איז: יודישע קאָלאָניאַל באַנק

The Jewish Colonial Trust Limited London E. C.
Brook House, Walbrook.

פּאַלעסטינאַ אינסטיטוציעס.

אַלס אַ בעראַטענדע קערפּערשאַפֿט פֿאַר אַלע פּאַלעסטינאַ-ענינים בעשטעהט די פּאַלעסטינאַ קאָמיסיע אין בערלין, אוהלאַנדשטראַסע 175. די פּאַלעסטינאַ-קאָמיסיע גיעט אַרויס אַ וויסענשאַפֿטליכען אָרגאַן, וועלכער האָט ביז איצט געהאַט דעם נאָמען אַלטנייַלאַנד, פֿון דיזען יאָהר אָן וועט דיזער אָרגאַן האָבען דעם טיטעל „פּאַלעסטינאַ“ און וועט זיך פֿערנעהמען מיט אַלע יודישע קאָלאָניזאַציאָנס-ענינים אין פּאַלעסטינאַ.

אין דער לעצטער צייט האָט די פּאַלעסטינאַ קאָמיסיע געגרינדעט אַ „פּאַלעסטינאַ-אינדוסטריע-סינדיקאַט (פּאָרזיצענדער פֿונ׳ם קאָמיטע, איז פּראָפֿעסאָר אָ. וואַרבורג, בערלין, אוהלאַנדשטראַסע 175) מיט 100,000 מאַרק שטאַם-קאַפּיטאַל (אין אַנטיילען צו 1000 מאַרק). דער צוועק פֿון דעם סינדיקאַט איז, צו געווינען און קאָנצענטרירען יודיש קאַפּיטאַל פֿאַר אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען אין פּאַלעסטינאַ, אום דאַדורך צו שאַפֿען אַרבייטס און פֿערדיענסט-מעגליכקייטען פֿאַר יודען אין פּאַלעסטינאַ.

אַ׳אַנדער גרינדונג פֿון דער פּאַלעסטינאַ קאָמיסיע, די פּלאַנצונגס-געזעלשאַפֿט פּאַלעסטינאַ וויל ערמעגליכען יעדען יודען דורך קליינע ראַטען זיך צו קענען קויפֿען אַ שטיק ערד אין פּאַלעסטינאַ, אום אויף אַזאַ אופן צו פֿערשטאַרקען דעם קשר צווישען די יודען אין גלות מיט ארץ ישׂראל.

אויך די קונסט געווערבע שול „בצלאל“ איז ענטשטאַנען אַ דאַנק דער ציוניסטישער אַנרעגונג. דיזעס אינסטיטוט, וועלכעס שטעהט אונטער דער לייטונג פֿון פּראָפֿעסאָר באָריס שאַץ, האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע, די יודישע קונסט-מלאכות אין פּאַלעסטינאַ צו ענטוויקלען, אום דערמיט פֿון איין זייט צו שאַפֿען אַ גוטע הכנסה פֿאַר אַ גרויסע צאָהל יודישע פֿאַמיליעס דורך הויז אַרבייט, פֿון דער אַנדערער

זײַט צו שאַפֿען אַנאָרט פֿאַר דעם נאַציאָנאַלען קונסט־אינטערעס. דאָס אַקציאָנס־קאָמיטע האָט דאָס אינסטיטוט געשטיצט, שענקענדיג איהם אַ שטח אין ירושלים פֿאַר אַנאייגען הויז, וועלכעס וועט דיענען די ספּעציעלע צוועקען פֿון דעם לימוד און פֿאַר די איינריכטונג פֿון אַ מוזעאום פֿאַר קונסט־מלאכות.

די יודישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים איז ענטשטאַנען אויך אַ דאַנק דער אַרבייט פֿון אַ ציוניסט, ד״ר האַזאַנאָוויטש אין ביאַליסטאָק, וועלכער האָט איהר געווידמעט זיין גאַנצעס לעבען.

די וויכטיגסטע ציוניסטישע צייטונגען:

אמעריקא:	The Maccabean.	New York, 547 Broadway ענגלישע מאָנאַטשריפֿט.
	דער יודישער קעמפּפער.	Philadelphia, 614 Third Street. יודישע וואָכענשריפֿט.
	The Jewish Hope.	San Antonio (Texas) 107 N. Centre Str. ענגליש מאָנאַטשריפֿט.
ארגענטיניע:	El Sionista.	Buenos Aires, Calle Talcahuano 358, האַלבמאָנאַטשריפֿט שפּאַניש.
	די פֿאָלקסשטיממע.	Buenos Aires, Tucuman 1102. יודישע וואָכענשריפֿט.
בעלגיען:	Hatikwah.	Antwerpen, Rue Bélier 36 דייטש־פֿראַנצעזישע מאָנאַטשריפֿט.
בולגאַריע:	השופר.	Sofia. שפּאַניאָלישע מאָנאַטשריפֿט.
כינא:	Israels Messenger.	Shanghai, 16 Peking Road. ענגלישע האַלבמאָנאַטשריפֿט.
דייטשלאַנד:	Die Welt, Zentralorg. d. zionistisch. Beweg.	Köln, Ubierring 23. דייטשע וואָכענשריפֿט.
	העולם.	Köln, Ubierring 23. העברעאישע וואָכענשריפֿט.
	Jüdische Rundschau.	Berlin NW. 52, Melanchthonst. 4. דייטשע וואָכענשריפֿט.
	Altneuland.	Berlin W. 15, Pfalzburgerstr. 83. דייטשע מאָנאַטשריפֿט.
	Frankfurter Israelit. Familienblatt.	Frankfurt a. M. Bleichstr. 2. דייטשע וואָכענשריפֿט.
איטאַליען:	L'Idea Sionista.	Modena, Via le Margherita 1. איטאַליענישע מאָנאַטשריפֿט.
קראָאַציען:	Zidovska Smotre.	Zagreb Gunduliceva ulica 16. סלאַוואָנישע מאָנאַטשריפֿט.
האָלאַנד:	De Joodsche Wachter.	Amsterdam, den Texstraat 54. האָלענדישע האַלבמאָנאַטשריפֿט.

עסטריי	Jüdische Volkstimme.	Brünn, Adlergasse 9. דייטש האַלבמאָנאַטליך.
	יודישעס וואָכענבלאַט.	Czernowitz, Fabriksgasse 2,a יודישע וואָכענשריפט.
	דראָהאָביטשער צייטונג.	Drohobycz, דייטש-יודישע וואָכענשריפט.
	דער יודישער אַרבייטער.	Krakau, Sebastyana 27. יודישע וואָכענשריפט.
	המצפה.	Krakau, Sw. Sebastyana 32. העברעאישע וואָכענשריפט.
	דער יוד.	Krakau, Plac WW. Swietych 8 יודישע וואָכענשריפט.
	Moriah.	Lemberg, יוגענדליכע מאָנאַטשריפט. פאָלניש.
	טאַגבלאַט.	Lemberg. יודיש.
	Wschód.	Lemberg, Sykstuska 35. פאָלנישע וואָכענשריפט.
	Jung-Juda, יונגענד צייט-שריפט.	Prag, Stefansgasse 630 II. דייטש האַלבמאָנאַטשריפט.
	Unsere Hoffnung.	Wien, Untere Viaduktgasse 25. דייטשע מאָנאַטשריפט.
רומעניען:	Sionistul.	Braila, Str. Brasoveni 14. רומענישע מאָנאַטשריפט.
	Tinarul evreu.	Braila, Calea Dobrogei. רומענישע מאָנאַטשריפט.
רוסלאנד:	Jewrejskij Narod.	Petersburg, Leschtukow per. d. 19. Qu. 6. רוסישע וואָכענשריפט.
	דאס יודישע פאָלק.	Wilna, Poguljanka 27. יודישע וואָכענשריפט.
	Życie żydowskie.	Warschau, ul. Ciepła 3. פאָלנישע וואָכענשריפט.
	Jewrejskij Mysl.	Odessa, B.-Arnautski 61. רוסישע וואָכענשריפט.
דרום אפריקא:	דער יודישער שטערן.	Johannesburg, P. O. Box 5378. יודישע וואָכענשריפט.

אדרעסען צו די ציוניסטישע פעדעראציעס.

אמעריקא: Federation of American Zionists, 165, E. Broadwy, New-York, Tel.-Adr.: Zionists.

ארגענטיניען: Federation Sionista Argentina, 1150 Calle Luvalle, Buenos Aires.

בעלגיען: Belgische Zionisten-Federation, 54 Rue Simons, Antwerpen.

בולגאריען: Comité Central des Sionistes de Bulgarie, Herrn Dr. J. Caleb, avocat Sofia.

קאנאדא: Federation of Zionist Societies of Canada, P. O. Box 343, Montreal, Tel.-Adr.: Onola.

דייטשלאנד: Zionistische Vereinigung für Deutschland, Zentral-bureu Mauerstr. 2 III, Berlin W. 66.

ענגלאנד: English Zionist Federation, Chichester House, Chancery Lane, London W. C., Tel.-Adr.: Emancipist.

פראַנקרייך: Federation des Sionistes de France, 21 Rue de la Tour d'Auvergne, Paris.

איטאַליען: Federacione Sionistica Italiana, Herrn Dr. Felice Ravenna, Ferrara.

האלאנד: Nederlandsche Zionistenbond, Doelenstraat 8, Amsterdam.

עסטרייך: Zion. Landescomité für Oesterreich, Türkenstr. 9, Wien IX.

רומעניען: Federatiunea Sionistilor din Romania, Herrn M. Heinrich Schein, Galatz.

רוסלאַנד J. L. Goldberg, Wilna.

דרום אפריקא: South African Zionist Federation, P. O. Box 933, Johannesburg, Tel.-Adr.: Zionfed.

שווייץ: Schweizerischer Zionistenverband, Offenburgerstr. 37, Basel.

אונגאַרן: Zion. Landescomité für Ungarn, Andrassy ut. 13, Budapest.

אדרעסען צו די ציוניסטישע צענטראלען אין די לענדער, וואו עס זענען נישטא קיין פעדעראצ׳עס.

עגיפטען: Zionistischer Verein Moria, Herrn Dr. Pilpoul, Rue Mousky 32, Cairo.

אויסטראליע: New South Wales Zionist League, 491 George Str., Sydney.

כינא: Shanghai Zionist Association, Herrn N. E. B. Ezra, Shanghai.

קארפו: Société Mevasser Zion, Herrn Professor M. Coini, Korfu.

קראַאַציען או. סלאוואניען: Verein „Theodor Herzl", Osiek (Slavonien)

נייזעלאנד: Wellington Zionist League, 95 Adelaide Rd, Wellington.

פאַלעסטינא: Anglo Palestine Company Ltd., Jaffa.

סקאנדינאוויען: Dr. Louis Fränkel, Trianglen 4, Kopenhagen Ö.

JÜDISCHER VERLAG

Ges. m. b. H.

KÖLN, UBIERRING 23

Anlässlich der Uebersiedelung des Jüdischen Verlages nach Köln haben wir für einzelne Publikationen **besondere Preisermässigungen** eintreten lassen, auf die wir besonders aufmerksam machen.

Werke jüdischer Literatur und Kunst

Jüdischer Almanach
Wohlfeile Ausgabe . . . . Mk. 3.50
Luxusausgabe in Halblederband **früher** M. 7.—, **jetzt** . . . . „ 5.50
Prachtausgabe in Leder **früher** Mk. 12.—, **jetzt** . . . . „ 10.—

York-Steiner: Der Talmudbauer
(Novellen. Mit Buchschmuck.)
Broschiert **früher** Mk. 3.75, **jetzt** . . . „ 3.—
gebunden **früher** Mk. 5.25, **jetzt** . . . „ 4.—

Berthold Feiwel: Junge Harfen
Eine Sammlung jüdischer Gedichte . . „ 2.—

J. L. Perez: Erzählungen
Aus dem Jüdischen übersetzt von Mathias Acher
Broschiert **früher** Mk. 4.—, **jetzt** . . . Mk. 3.—
gebunden **früher** Mk. 5.25, **jetzt** . . . „ 4.—
geb. mit Illustrationen **früher** Mk. 7.—, **jetzt** . . . . „ 5.50

Jüdische Künstler . . . . „ 10.—

Moses, literarisch-künstlerisches Prachtwerk **früher** Mk. 7.—, **jetzt** . . . . „ 5.50

David Pinski: Eisik Scheftel
Ein Arbeiterdrama, übersetzt von Martin Buber
Broschiert **früher** Mk. 2.—, **jetzt** . . . Mk. 1.50
gebunden **früher** Mk. 3.—, **jetzt** . . . „ 2.—

Soeben erschienen:

Morris Rosenfeld: Lieder des Ghetto.
Uebersetzt von Berthold Feiwel, illustr. von E. M. Lilien
Neuauflage . . . . Mk. 8.—

Max Jungmann: Dornen
Broschiert Mk. 2.—, gebunden . . . . „ 3.—

Martin Buber: Die Geschichten des Rabbi Nachmann Buchausstattung von E. R. Weiss
Broschiert Mk. 3.—, in Prachtband . . Mk. 4.50

Hermann Blumenthal: Der Weg der Jugend
Broschiert Mk. 3.—, gebunden . . . . Mk. 4.—

Theodor Herzl: Altneuland . . . . . Mk. 1.50
Das neue Ghetto (Drama) . . . . . . „ 2.—
Unser Kätchen (Lustspiel) . . . . . . „ 2.—

Adolf Friedemann und Hermann Struck:
Reisebilder aus Palästina, illustriert . . Mk. 4.50

Münchhausen-Lilien: Juda . . . . . „ 8—

Alfred Nossig: Abarbanel
(Drama) . . . . „ 1.50

E. M. Lilien: Sein Werk . . . . . . „ 10.—

Siegmund Werner: Ruth und andere Gedichte
Broschiert Mk. 1.50, gebunden . . . . Mk. 2.50

Heinrich Grünau: Exil (Drama) . . . „ 2.—
Gedichte und Lieder . . . . „ 2.—

Theodor Zlocisti: Vom Heimweg
(Gedichte) . . . . „ 3.—

Ost und West (lit. künstl. Monatsschrift)
Jahrgang 1901, 1902, 1903, 1904, 1905 à „ 9.—

Jung-Israel, vorzügliches Geschenkwerk für die Jugend . . . . „ 4.—

Verschiedenes: Wissenschaftliche Werke, Monographien, Sammelwerke etc.

Judt: Die Juden als Rasse
Broschiert Mk. 4.50, gebunden . . . . Mk. 5.70

Jüdische Statistik, Sammelwerk . . . „ 8.50

Achad Haam: Am Scheidewege
Broschiert Mk. 5.—, gebunden . . . . „ 6.—

Graetz: Geschichte der Juden . . . „ 12.—

Die sozialen Verhältnisse in Russland „ 2.—

Bäck: Das Wesen des Judentums
Herausgegeben von der Gesellschaft zur Förderung der Wissenschaft des Judentums „ 3.—

Mathias Acher: Achad Haam . . . „ 1.—

S. M. Dubnow: Die Grundlagen des National-Judentums . . . . Mk. 1.50

S. Schechter: Die Chassidim
Broschiert **früher** Mk. 1.50, **jetzt** . . . „ 1.—
gebunden **früher** Mk. 2.25, **jetzt** . . . „ 1.50

Der Anteil der Juden am Unterrichtswesen in Preussen . . . . „ 1.25

Die Judenmassakres in Kischinew
3. Auflage, **früher** Mk. 1.—, **jetzt** . . . „ 0.50

Loewe, Eine jüdische Nationalbibliothek . . . . „ 0.50

JÜDISCHER VERLAG

Ges. m. b. H.

KÖLN, UBIERRING 23

ZIONISTISCHE LITERATUR

Theodor Herzl: Zionistische Schriften

Doppelband. Wohlfeile Ausgabe: Mk. 3.50. **Prachtausgabe:** Mk. 10.—.

Luxusausgabe auf Büttenpapier (nur noch wenige Exemplare) Mk. 35.—.

Soeben erscheint:

THEODOR HERZL: DER JUDENSTAAT

Seit zwei Jahren im Buchhandel vergriffen. **Neuauflage.** Mk. 1.—.

Protokoll des VII. Zionistenkongresses		Mk. 1.—
Protokolle des II., III., V. und VI. Zionistenkongresses	à	„ 1.—
Hugo Schachtel: Register zu den Kongressprotokollen I—VI		„ 0.75
„ „ zum VII. Kongressprotokoll		„ 0.20
„ **Beschlüsse** und Resolutionen der Zionistenkongresse		„ 0.50
Moses Hess: Rom und Jerusalem		„ 3.—
„ Jüdische Schriften, herausgegeben von Zlocisti		„ 3.50
Die Stimme der Wahrheit (Sammelbuch)		„ 6.—
A. Neufeld: Bibliographie für die wirtschaftliche Erschliessung Palästinas		„ 1.—
Palästina, Jahrgang I und II, früher à Mk. 4.—, jetzt gebunden	à	„ 2.50
Altneuland (herausgegeben von der Palästinakommission) Jahrgang 1904, 1905 per Jahrgang broschiert Mk. 6.—, gebunden		„ 7.25
Die Zukunft der Juden (Sammelschrift)		„ 0.75
Pinsker: Autoemanzipation		„ 0.75
Kahn: Durch Wahrheit zum Frieden		„ 0.40
Hoppe: Hervorragende **Nichtjuden über den Zionismus**		„ 0.75
Zwi Awrami: Der Zionismus und die jüdische Wirklichkeit		„ 1.25
Der politische Zionismus (Propagandabroschüre des Zion. Zentralvereins in Wien)		„ 0.30
Alfred Nossig: Das jüdische Kolonisationsprogramm		„ 1.—
Lazar Felix Pinkus: Palästina und Syrien		„ 2.—

Zehn Jahre Zionismus, Agitationsbroschüre; 100 Exemplare Mk. **5**.—, 1000 Exemplare Mk. **45**.—, 2000 Exemplare Mk. **85**.—, 5000 Exemplare Mk. **200**.—

Kompositionen:

Ein Hauch weht durch die Lande. Hymne für vierstimmigen Männerchor, Dichtung von LeoRafaels, komponiert von IgnazBrüll	Mk. **1**.—
Degel Jehuda, Auf zur Fahne, von Dr. J. L. Landau, für Piano komponiert von Rev. A. Perlzweig	„ **1**.—
Zionistische Lieder für Klavier, Violine und Gesang (Hatikwah, Auf nach Zion, Zionslied, Dort wo die Zeder, Mein Vaterland, Zurik aheim)	„ **1**.—
Herzl-Marsch, von Rev. A. Perlzweig, für Klavier	„ **1**.—
Nachum Edim (Sang an Zion), von Dr. J. L. Landau, komponiert von Rev. A. Perlzweig	„ **0.50**
Orient-Marsch für Klavier, von Ch. J. Bernstein	„ **0.50**

Liederbücher:

Jung-Juda, Vereinsliederbuch	„ **0.80**

Landkarten:

Karte von Vorderasien	„ **1**.—

Bilder:

Theodor Herzl		Mk. **0.50**
dto.	an der Basler Rheinbrücke	„ **0.50**
„	den Kongress eröffnend	„ **1.50**
„	Lichtdruck in Passe-Partout	„ **1.50**
„	„ ohne „ „	„ **1**.—
„	Radierung von Struck	„ **10**.—

Ansichtskarten:

Palästinaalbumkarten (12 Ansichten fächerartig in eine Karte gefügt, prachtvolle Ausstattung) pro Stück	„ **0.50**
Orient-Ansichtskarten (Serie à 25Stck.) p.Serie	„ **1**.—

Jüdische Künstlerkarten in reichster Auswahl.

Skulpturen:

Von **Boris Schatz**, Katalog gratis.

Kalender:

„Kadimah"-Kalender Mk. **0.50**, 10 Stück Mk. **2.50**, Volkskalender 1905/1906 Mk. **0.30**.

Wir machen unsere Gesinnungsgenossen darauf aufmerksam, dass ausser jüdischen Werken, Bildern, Musikalien etc. **auch sämtliche sonstigen — auch nichtjüdische — Werke des Buchhandels durch den Jüdischen Verlag zu Originalpreisen bezogen werden können.**

ניעדערלענדישע שיחצען אינדוסטריע.

300 מאשינען אין בעטריעב.

ב יליגסטע און גרעסטע פראָדוקציאָן אין עסטרייך־אונגאַרן און עקספּאָרט׳ פּראָדוצירט 140 פאַסאָנען קינדער־פאַרטעכליך פון 5 קראָנען ביז 40 קר., 140 פאַסאָנען דאַמען־פאַרטיכליך פון 15 קראָנען ביז 1 גולדען 50. עלעגאַנטע אויספיהרונג, פאָרציגליך גענעהט. א מוסטער־זענדונג בערך 40 שטיק קאָסט 12. ביז 15 גולדען פראַנקאָ פער נאַכנאַהמע. אן בעקאַנטע פירמען און ביי גוטע רעפערענצען שיק איך זעהר גערן אויך אָהן נאַכנאַהמע. ביי פאַרטיכער קאַן מען היינט גוט פערדיענען, ווען מע האָט אַן׳אינ. עס פּאַר דיעזען אַרטיקעל. איך ערקלער בפירוש אַז איך שיק נאָר צו סוחרים און הענדלער. דאָס געלט נישט פערווערט צוריקגענוממען.

קאָרעספּאָנדענץ אין דייטשע, בעהמישען, אונגארישען, ענגלישען און פראַנצויזישען לשון.

יוליוס לעדערער, רומבורג

בעשטעטיגטער פערטרויענסמאַן פונדי ציוניסטען און פיר בעהמען.

300 מאשינען אין בעטריעב.

Königl. rumän. Hof- und Kammerlieferant

Sigmund Fluss

Hof-Kunstfärberei, Appretur und chemische Wäscherei

für Garderoben, Uniformen, Vorhänge, Teppiche und Stoffe o o jeder Art in ganzem und zertrenntem Zustande. o o

SPEZIALITÄT: Chemische Reinigung von Seiden-Toiletten feinster Art im ganzen Zustande „System Fluss".

Telephon Nr. 576. Fabrik: **BRÜNN** Zeile 38. Telephon Nr. 213.

Provinzaufträge prompt

Eigene Filialen in allen Hauptstädten.

שמע ישראל!

פון די ערשטע קוועללע, אללע זארטען דיאמאנטען, ברילליאנטען, אונד אנדערע עדעלשטיינע אויך געפאַסטע רינגען, אהרינגע א. ז. וו. צו בעקאָמען אין בילליגע פרייזע. איך פערקויף ניכט נור אן געשעפטע, נור אויך אן פריוואַט פּערזאָנען. שיקע אויך פער נאכנאהמע, נאך אללע לאַנדערן דער וועלט.

J. B. SAKOLSKY, Diamant fabrikant
Walvisch str. 37. Antwerpen (Belgie).

ראזירען אהנע מעססער!

מיין ראזירפודער דאס בעסטע דער וועלט. גאראנטירט אונשעדליך פון בעלגישען שטאַטס לאַב ראטאָריום, אונד פיעלע דאָקטאָרע אין איינינע מינוטען קאנן יעדער מענש זיך זעלבסט אהנע מעססער ראזירען. די האארע אללען אויס, אונד די הויט ווירד זויבער ווייס. מיט פודער צו ראזירען איזט מותר כן התורה אפילו לכתחלה („נודע ביהודה" תנינא חלק יו״ד; „תפארת ישראל" משניות מסכת „מכות" ופ׳ חיי תשובה").

איינע שאכטעל קאָסטעט 1 רובל. 2.50 פראַנק. 2.40 קראָנען. 2 שילינג. 20 שאכטעל 10 רובל.

געלד מוז מען פאראויס איינשיקען. פער נאכנאהמע ווירד ניכט געשיקט.

J. B. SAKOLSKY Walvisch str. 37. Anwerpen

אַסטמאַ

פערשליימונג, שווערער אָטהעם, האַרץ־ און נערווען שוואכהייטען, לונגען־ליידען

קענען געהיילט ווערען אין אַ קורצער צייט מיט אויזאל־טראָפּפען, אַ גלאָז 3 מאַרק. צו בעציהען פון אפּטייקער

O. Lindig, München,
Dachauerstrasse 90.

פ. ד. שרייבט: ענדליך קאַן איך וויטער פרייען, דאס שנאַרכען און קראַצען אין דער ברוסט איז פערשוואונדען, מיין לעבענס־לוסט קומט צוריק א. ז. וו.

נאָך פיעלע אַזוינע צייגניסען און דאַנק־בריעף.

אהז א געזונדען מאגען

קאן מען נישט געזונד זיין.

ווער עס האט נישט קיין געזונדען מאגען, וועמעס פערדייאונגס־קרעפטען עס זענען געשוואכט ווער עס האט נישט קיין אפעטיט, ווער עס בעקומט נאך דעם עסען מאגען־ און פערדייאינגס־שמערצען, ווער עס איז אבגעמאגערט, בלוטארם, בלייכזיכטיג, דורך קראנקהייט געשוועכט — זאל בענוצען נוראל אלס רפואה־געטרענק ביי די טעגליכע מאהלצייטען. נוראל, א קינסטליך פערדייעטער נעהרשטאף, בילדעט אונ־דירעקט איי־ווייסעל און בלוט, איז דאס בעסטע ערזאצמיטעל פאר דעם מענשליכען מאגען. נוראל ענט־העלט נאטירליכע פערדייאונגס פערמענטע, און פערבינדונג מיט קינסטליך פערדייעטען שטערקע־מעהל, און איז פריי פון אלקאהאל און שעדליכע אלקאליען ווי למשל נאטראן א. ד. גל. עס איז בעדייטענד ווירק־זאמער, איידער פעפזין־וויין, מאגען־ליקהער פולווער א. ד. גל. נוראל איז העכסט וואוילשמעקענד, אונ־שעדליך און ווערט זייט 11 יאהר פון טויזענדער פון ערצטען מיט ערפאלג פערשריבען אלס דאס בעסטע דיעטעטישע גענוס־מיטעל. בראשורע גראטיס.

צו בעקומען אין די מייסטע אפטייקען אדער דירעקט פון

Klewe & Co., G. m. b. H., Nuralfabrik, Dresden D. 65.

מעהר ווי 900 גלענצענדע ערצטליכע אורטייען.

ד״ר מער. פילע, דיריג. ארצט פון דעם אצטזעע סאנאטאריום צאפאט, שרייבט אין נוב. 1904: „מיט׳ן נוראל בין איך זעהר צופריעדען, איך האב דא שוין פערשריעבען הונדערט פלאשען״.

און 14 מערץ 1905: „עס איז טאקי באמת א פארציגליך פרעפעראט״.

אין דעם בוך פון ד״ר פ. מינץ, באדע ארצט אין קיסינגען: „קונסטליכע נעהר פרעפאראטע און זייער ריטועלע צולעסיגקייט״ ווערט נוראל בעצייכענט אלס כשר. בכן קענען דאס אפילו פרומע יודען בענוצען.

„נוראל״ הילפט פערדייען די שפייזען אין׳ם מאגען און בעווירקט א גוטען אפעטיט, הייבט די קרעפטע, בעסערט און בעזייטיגט די שלעכטע פערדייאונג.

אינ׳ם פערלאג פון דער ליטעראַרישען אנשטאלט
RÜTTEN & LOENING in FRANKFURT am MAIN

איז ערשיענען

די ספורי מעשיות פון רבי נחמן מברצלב

אין דייטש נאכדערצעהלט פון מארטין בובער. בוכאוישטאטונג פון ע. ר. וויס.

פרייז: געהעפטעט 3 מארק. אין ינסטל. ליינענבאנד 4.90 מארק

די ספורי מעשיות פון ר׳ נחמן מברצלב זענען גוט בעקאנט. ר׳ נחמן איז געווען איינער פון די לעצטע יודישע מיסטיקער, וועלכער פלעגט זיינע תלמידים דערצעהלע מעשיות וועלכע האבען אין זיך ענטהאלטען פיעל כוונות און לעבענס־חכמה. דיעזע זיינע מעשיות זענען העררליכע לעגענדען, מערקווירדיגע ערצעה־לונגען פון בזונדערער שענהייט, די תלמידים האבען די מעשיות אויפגעשריעבען און נאך זיין טויד פער־עפענטליכט. די פערעפענטליכונגען זענען פול פעהלער און פערשטימעלט, אזוי אז די שענהייט און קלאר־הייט פון די מעשיות איז גאנץ פערלוירען געגאנגען.

מארטין בובער האט זיי מיט זיין בעארבייטונג וויעדער אויפגעפרישט אין׳ם גייסט פון דעם מחבר און ווי ווייט עס איז מעגליך געווען, האט ער דעם קערן פון די ערצעהלונגען געלאזט אונבעריהרט און אריגינאל. דעם מערב־אייראפעאישען פובליקום ערעפנען די ספורי מעשיות פון ר׳ נחמן א מערקווירדיג שטיק וועלטליטעראטור, וועלכער איז זיי ביז איצט גאנץ אונבעקאנט געוועזען. דיעזע ערצעהלונגען קענען נישט מיט אנדערע פערגליכט ווערען, זיי זענען איינע אייגענארטיגע, איבעראשענדע ערשיינונג, מיט אריגינעלע אידעען און סימבאלע.— דיעזע ערצעהלונגען זענען דאצו בעשטימט, דאס אורטהייל איבער דאס יודענטהום צו פערענדערן, זיי ווייזען, אז די יודען זענען נישט בלויז א פאק פון קיהלען, ניכטערנעם פערשטאנד, נור זיי בעזיצען אויך א שטארק געפיהל, א טיעפע שטארקבליק נדיגע מיסטיק. — דיעזע ערצעהלונגען בערייטען דעם לעזער דען שענסטען גייסטיגען גענוס דורך זייער אינניגער שטימונג.

צו בעציעהען דורך אלע בוכהאנדלונגען אדער געגען נאכנאהמע דירעקט פונ׳ם פערלאג.

ד"ר איז. באמבערגער, נירנבערג
עסענווײַנשטראס. 7.

לעהרער אין נירנבערג און אין דער יודישער רעאַלשולע אין פירטה,

פאמיליען־פענסיאן פאר יונגלעך.

גוטע ערציעהונג, — געזונדע פּלעגונג — געוויסענהאפּטע אכהיטונג — הילף ביים לערנען — די בעסטע רעפּערענצען.

א ספעציעלער פערקעהר נאך דרום רוסלאנד.

נ. קאצנער שפעדיציאן און קאמיסיאן

פאדוואלאטשיסק, וואלאטשיסק, בראדי און ראדזיוויליאוו.

פעסטע דורכפּראַכטען פּון און נאַך רוסלאַנד.

עקספארט פּון האלץ־וואל, ברעטער אויף אייער קאסטענס, שארפּשטיינער פּאר קאסעס, שטיינקויהלען און קאקס.

טעה אין אריגינאל פעקלעך מיט קייזערליך רוסישע קרוין־באנדעראלען.

דאס גרעסטע אונטערנעהמען אין דיזער בראנש.

חנוכה מנורות פּון כינא־זילבער, לויט צייכנונג זעהר פיין אויסגעפיהרט . . . . . . 4 גולדען 75 קר. אָדער 8 מאַרק.
דיזעלבע מיט אַ קלענערע ריקוואַנט 3 גולדען 25 קר. אָד. 5 מ. 40 פּ׳.
פפויא־מנורות פּון כינאזילבער, אַ ציערינג פּאַר׳ן צימער, פּראַכטפולע אויספּיהרונג . . . 8 גולדען 25 קר. אָדער 13 מאַרק 75 פּעניג.
דרעה־מנורות פּון כינא זילבער, מיט פּוס 8 גולדען 25 קר. אָדער 13 מאַרק 75 פּעניג.

כתרי תורה פּון כינא זילבער, לויט צייכנונג וואונדערפּול אויסגעפּיהרט 18 גולדען 50, אָדער 30 מ. 80 פּ.
עץ החיים׳ס . . . . דאס פּאָר 12 גולדען 50 קר. אָדער 13 מארק 75 פּ.
„ידים" פּון כינא זילבער . . . . 3 גולדען 30, אדער 5 מאַרק 50 פּעניג

סוחרים אין קולטוס־אנגעשטעלטע בעקומען 10 פּראצענט ראבאט. באופן ווען עס געפּעלט נישט ווערד דאס געלד צוריקגעשיקט. אויף פּערלאנגען שיקע איך אייך אילוסטרירטע פּרייזכוראנטען.

פּ. פּאם אין קראקוי (עסטרייך). ZIELONA 3—51.

Ueber 100 000 im Gebrauch!

Blickensderfer Schreibmaschine



Bestes System, erstklassig, mit sichtbarer Schrift, Tabulator, auswechselbaren Typen und allen letzten Neuerungen. Katalog frei.

Preis 175 und 225 Mk.

Filiale: Berlin
Leipzigerstr. 29 (Ecke Friedrichstr.)

Groyen & Richtmann, Köln.

F. L. Heinemann Erfurt 229

האָפֿליפֿעראנט פֿון זיין מאַיעסטעט דעם דייטשען קייזער און קעניג פון פרייסען.

זאמענצוכט קונסט און האנדעלס־גערטנעריי

די פֿירמא עקזיסטירט זייט 1847.

ווער עס וויל האָבען אַ פֿרייד אין זיין גאָרטען אָדער פֿעלד, אָדער ער וויל האָבען דערפֿון אַ נוצען זאָל פֿערלאַנגען אומזיסט מיין זאמען און פלאנצען־קאטאלאג וועלכער ענטהעלט אויף 200 גרויסע זייטען מיט איבער 600 אבבילדונגען, קולטור אַנלייטונגען, אַרבייטס־קאַלענדער גאָרטענביי־ליטעראַטור און פֿיעלע אויסגעפריפֿטע גערטנערישע בלים. מיין קאַטאַלאָג ברענגט די גרעסטע אויסוואַהל, וואָס איז נאָר פֿאַרהאַן. ניש בלויז די בעסטע נייאגקייטען, נאָר אויך די זיכערסטע, עלטעסטע גוטע סאָרטען פֿון געמיזע און בלומען־זאַמען א. ז. וו.

מיין זרע צייכנעט זיך אויס דורך סארטען־ריינהייט און העכסטע וואורצעל־קראַפֿט.

ווער עס וויל פֿלאַנצען שמאקהאַפֿטע און גוטע געמיזע (jarzyne) דער זאָל בעציעהען היינעמאַנ'ס קיכען, אָדער געמיזע גאָרטען נר 18. פרייז 1 מאַרק. ווער עס האָט ליעב שמעקעדיגע זומער בלומען, זאָל פֿערלאַנגען היינעמאַנ'ס קולטור דער זאָמער געוועכסע נר. 14. פרייז 1 מאַרק.

ווער עס וויל אויפֿציעהען שעהן בליהענדע שטאַודען (בוש, שטרויך), זאָל בעשטעלען היינעמאַנס קולטור דער שטאודענגעוועקסע העפֿט 26. פרייז 1 מאַרק. וויטער בראָשורען פֿון דער גאַרטענבוי, — ליטעראַטור זעה אויף זייטע 112 פֿון מיין גענעראַל קאַטאַלאָג.

קאָרעספאָנדענץ: דייטש ענגליש פֿראַנצעזיש

די לייך־ און בוימוואהל־סחורות־וועבעריי
גוסטאוו גלאזער אבער ראכליץ (בעהמען)

עקספארטירט: דאמאסט־סחורה, קאנגרעס־און קאוונא־שטאפען, טישטיכער, האנדטיכער א. ד. ג.

אימפארטירט דיזעלבע סארטען. אויסלענדישע פערטרעטער ווערען געזוכט.

מאגענקראנקע

און די וואס ליידען אָן אפעטיט־לאָזיגקייט אָדער פֿער־דאָרבענעם מאָגען זאָלען זיך ווענדען צו די זייט דעם יאָהר 1878 בעשטע־הענדע פֿירמא:

P. F. W. BARELLA, BERLIN S.W. 48. Friedrichstr. 220.

אויסקונפֿטען אומזיסט.

געברידער
טארטאקאווער
בראדי (גאַליציען).
געגרינדעט 1868.

עקספּאָרט פֿון
רוסישען טערפּענטין־עהל
און האלץ־טעער.
אייגענע פֿאַבריקען אין
סמיקיאַ, קאָסטאָפּאָל, בערעזנא און
סארני (רוסלאַנד, וואָליניען).
ביי בעצוג פֿון גאַנצע וואַגאָן־לאַדונגען,
אָפּעריערן מיר ביז צו יעדער שטאַציע
פֿון אינלאַנד און אויסלאַנד.

זיסשטאָף
אין פולווער, קריסטאלעז
און טאבלעטעז
ליפֿערט אין ריינסטער קוואַליטעט און צו די ניעדריגסטע פרייזען די
אקציען־געזעלשאפט „הערמעס"
ציריך, באהנהאפשטראסע 69.
טעלעגראַס־אַדרעס: „הערמאַג". בריעף: פאָסטפאַך הויפטבאהנהאָף.

Druck von Josef Fischer in Krakau.